Opłata pocztowa uiszczona ry zaltem

Najer Folksblat

פּרייז 20 גראָשען

הײַנט 10 זייטען

פֿאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפֿטליכע טאָג - צײַטונג

Nr. 79 (1073) | Łódź, Niedziela 3 Kwietnia 1927 | פֿינפֿטער יאָהרגאַנג | לאָדז, זונטאָג א ניסן תרפּ"ז. | Nr. 79 (1073)

אַדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71 || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel. 24-71

אתמול בש"ק אחה"צ נפטר אחרי מחלה כבדה וממושכה הרב הגאון החסיד והצדיק מהור"ר

נ"ע דוב (בּ"ר אליעזר ליפּמאַן הכה"ז) ראָזענבּערג

אבד"ק סטריקוב. (בשנת השמונים וארבע לימי חייו).

ההלוי' תהי' היום, יום א' ראש חודש ניסן בסטריקוב. השרויים בצער עמוק:

משפּחתו המתאבּלת.

1937

היגיעניש געבּאַקען!

צו דער לאָדזער יודישער בּעפֿעלקערונג!

מיר מאַכען בּעקאַנט דער לאָדזער יודישער בּעפֿעלקערונג, דאָס אין אונזער

היגיעניש-מעכאַנישער מצה-בּעקעריי

וועלכע געפֿינט זיך אויף - פּאַנסקאַ 91 און איז אונטער דער השגחה פֿון יאַנאָווער רב הרה"ג ש"י האָפֿנער, לאָדז, אב"ד גייער'ס ראָיאָן

ווערט געבּאַקען פֿון 1 סאָרט מעהל פֿון דער לאַנג-יעהריגער יוד. דאַמף-מיהל פֿון נעבּער. כאָתאָלסקי

און קאַליש תחת השגחת הרב יחזקאל ליפשיץ אבד"ק קאַליש שענע רײנע אױסגעבּאַקענע מצות

צו זעהר מעסיגע פּרייזען.

דער הורט, ווי אויך איינצעל-פֿערקויף קומט פֿאָר טעגליך פֿון 9 פֿריה בּיז 9 אָוו. אויף פּאַנסקאַ 91.

אויך אין דער פֿיליע בּענעדיקטאַ 46 בּיי קאָפּערמינק.

בּעמערקונג: דאָס געעהרטע פּובּליקום ווערט געבּעטען צו בּעזוכען אונזער היגיענישע בּעקעריי בּכדי בּייצוואוינען ווי וויים דאָס כשרות ווערט אָפּגעהיטען.

מיט אַכטונג פֿאַר די פֿעראייניגטע יודישע בּעקער-מייסטער אין לאָדז

עזרה זעליגמאַן, טעלעפֿאָן 41-08.

1844

שעהן, בּיליג און גוט!

מן המהדרין!

בּעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַכען מיר בּעקאַנט די געעהרטע קונדשאַפֿט, דאָס אונזער היגיעניש-מעכאַנישע

מצה-בּעקעריי

לאָדז, פּאָמאָרסקאַ 58 (רוג טאַרגאָוואַ) טעלעפֿאָן 60-25

אונטער דער לייטונג פֿון בּעוואוסטען אַכּמאַן זלאַטאַגוראַ

שטעהט אונטער דער השגחה פֿון יאַנאָווער רב הרה"ג ש"י האָפֿנער אבד"ק (גייערס מאַרק). ביי אונז בּעקומט מען די שענסטע מצות, געבּאַקען פֿון די בּעסטע מעהלען צו זעהר מעסיגע פּרייזען.

הורט-פֿערקויף: אין דער בּעקערײַ-צוקערניע פֿון

נ. ח. וויינבּערג, פּעטריקאָווער 38

טעלעפֿאָן 82-43.

אונזער רעפּוטאַציאָן איז דער געעהרטע קונדשאַפֿט שוין גוט בּעקאַנט.

מיט אַכטונג נ. ח. וויינבּערג, זלאַטאַגורע עט קאָמפּ.

בּעמ.: אונזערע מצות ווערען אויך פֿערקויפֿט אויף ריבּנאַ 11, בּיי קירשבּוים.

טעל. 51-50

כשר למהדרין מן המהדרין!

כשר לפּסח

די בּעקאַנטע יודישע שאָקאָלאַדע פֿאַבּריקע אין לאָדז

-- פֿערקויפֿס-שטעלע נאָר --

„ZŁOTY RAJ“ וושכאָדניע 50 און זאַוואַדזקאַ 11

מאַכט בּעקאַנט דער געעהרטער קונדשאַפֿט, אַז צו דעם בּעפֿאָרשטעהענדען פּסח זענען מיר פֿערזעהען מיט אַ רייכען אויסוואַהל פֿון פֿערשידענע שאָקאָלאַד און קאַרמעלען

כשר לחג הפּסח למהדרין מן המהדרין.

1910

בּעמ.: פֿון קאַנדיטאָר ווערט אָנגענומען צו מאַהלען מאַנדלען אויף מאַקאָראָן.

פֿערגעסט נישט

דאָס די ערשטע קאָנקורענץ-פֿעהיגסטע

פּערפֿומעריע אין לאָדז

איז געפֿינען זיך און פֿליבּט נור בּיי

22 S. BUCHWAJC, ŁÓDŹ 22

Piotrkowska 22, tel. 31-43.

ספּעציעל אויף די פּייערטאָגען שפּאַט בּיליגע פּרייזען.

קומט און איבּערציינגט אייך! פֿאַר אָריגינאַל גאַראַנטירט!

הילפֿס-פֿעראיין „עזרה“

אָרדענט-איין אַ גרויסע

פּסח-אַקציע

פֿאַר אַבּגעקומענע בּכבוד'ע יודישע פֿאַמיליעס.

צו דעם צוועק זענען פֿונאַנדערגעשיקט געוואָרען „דאַנק-קופּאָנען“, וועלכע מ'בּעט אָנצונעהמען, כדי ערמעגליכען אונז מיטצוהעלפֿען אַדורכצופֿיהרען די דאָזיגע אַקציע.

1929

שטיצט די פּסח-אַקציע בּיי „עזרה“!

בּעקאַנטמאַכונג.

הײַנט, זונטאָג, ד. 3/4 1927 7 אָוונד קומט פֿאָר אין אונזער אייגענעם לאָקאַל

„בּית לחם“ וושכאָדניאַ 68/70

~~~ אַן אויסערגעוועהנליכע אָרגאַניזאַציאָנס- ~~~

פֿערזאַמלונג

וועגען דעם בּלימעל-טאָג, וואָס דאַרף פֿאָרקומען דאָנערשטאָג ד. 7. אַפּריל ד. י. מיטגלידער און סימפּאַטיקער פֿון „בּית לחם“ ווערען העפֿליך געבּעטען פּינקטליך צו ערשיינען.

די פֿערוואַלטונג.

1941

הײַנט, זונטאָג, דעם 3. אַפּריל ד. י., 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג ווערט פֿאָרקומען אין לאָקאַל פֿון סוחרים און פֿאַבּריקאַנטען-פֿעראיין, פּאָלודניאָוואַ 15,

די אַלגעמיינע פֿערזאַמלונג

אויף וועלכער אַלע מיטגלידער ווערען איינגעלאַדען.

~~~ טאָג-אָרדנונג: ~~~

1) ערעפֿנונג; 2) וואַהלען פֿון אַ פֿאָרזיצער פֿון דער גענעראַל-פֿערזאַמלונג; 3) בּעריכט פֿון דער טעטיגקייט; 4) בּעריכט פֿון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע; 5) וואַהלען פֿון אַ פֿערוואַלטונג, רעוויזיאָנס-קאָמיסיע און שידס-געריכט און 6) פֿרייע פֿאָרשלאָגען.

בּעמערקונג: אין פֿאַל פֿון נישט ערשיינען די געהעריגע צאָהל מיטגלידער, וועט די פֿערזאַמלונג פֿאָרקומען אין זעלבּען טאָג, 7 אַ זייגער אָוונט, און וועט זיין גילטיג בּיי יעדער צאָהל מיטגלידער.

1938

לעצטע אונטערהאנדלונגען וועגען הלואה

אבסערוואטאר אדער דעה-זאגער — וועגען דעם אמפערט מען זיך נאך.

וו א ר ש א, 2. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). ווי בעקאנט ווײלט אין ווארשא אין ענינים פון דער אמעריקאנער הלואה דער דעלעגאט מאנג. ס'קומען איצט פאר אונטערהאנדלונגען וועגען דעם פינאנץ-ראט וואס דארף בעשטעטיגט ווערען. די שוועריגקייט בעשטעהט אין דעם, צי דער פינאנץ-ראט זאל האבען אן אנטייל און א דעה אין „באנק פאלסקי", ווי ס'ווילען די אמעריקאנער, אדער דער ראט זאל זיין נאר אן אבסערוואטאר, ווי עס וויל די פוילישע רעגירונג. אויב ס'וועט קומען צו א הסכם אין דער דאזיגער פראגע, איז די אמעריקאנער הלואה א פאקט.

ס'ווערען בעגייט די דייטש-פוילישע האנדעלס-אונטערהאנדלונגען.

וו א ר ש א, 2 (טעלעפאניש פון אונזער סיים-קארעספאנדענט) מאנטאג קומט צוריק קיין ווארשא מיט נייע אינסטרוקציעס דער דייטשער גזאנדטער אין פוילען ראושער, גלייך נאך זיין קומען וועלען בעגייט ווערען די דייטש-פוילישע האנדעלס-אונטערהאנדלונגען.

„קאלא" שיקט א טרויער-דעפעשע

צו דער אלמנה פון לואידושי לוצאטי.

וו א ר ש א, 2. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). נעכטען האט דער פרעזעס פון „קאלא" דעפ. הארטגלאס ארויסגעשיקט צו דער פאמיליע פון פערשטארבענעם לואידושי לוצאטי א קאנדאלענץ דעפעשע.

דאס יודישע „קאלא" בעגריסט דעפוטאט יעקב ווינארזקי

צו זיין 70-יעהריגען געבורטסטאג.

ווי ל נ א. 2. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). אין צוזאמענהאנג מיט דער פייערונג פון 70 יעהריגען געבורטסטאג פון דעם בעקאנטען כלל-טוער און דעפ. ד"ר יעקב ווינארזקי, וואס קומט פאר אין ווילנא, האט דאס פרעזידיום פון „קאלא" און פערשידענע אינסטיטוציעס ארויסגעשיקט קיין ווילנא בעגריסונגס-דעפעשען.

די רעגירונג וויל וויסען וועגען דער שטימונג.

וו א ר ש א, 2 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). ווי מ'בית-אי-בער האט דאס אינערן-מיניסטעריום ארויסגעשיקט א צירקוליאר צו די וואיעוואדעס וועגען דער שטימונג פון די פערשידענע פארטייען צו דער רעגירונג.

נייע שטיצע פון „דזשאינט" אויף אהן-פראצענטיגע הלואות.

אויף יום-טוב האט „דזשאינט" נישט קיין פאנדען;

וו א ר ש א, 2. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). דער „דזשאינט" האט בעשטימט פאר 56 שטעט — 28 טויזענד דאלאר אויף אהן-פראצענטיגע הלואות פאר די גמילת חסדים-קאסעס.

פערשידענע געזעלשאפטען און פריוואטע פערזאנען האבען זיך געווענדעט צו „דזשאינט" וועגען א ספעציעלע אונטערשטיצונג אויף פסח. דער אייראפעאישער דירעקטאר פון „דזשאינט" האט זיך ווענדען דעם געווענדעט קיין אמעריקא, פיז וואנען ס'איז אנגעקומען א ענטפער, אז „דזשאינט" האט נישט אויף דעם קיין בעזונדערע פאנדען.

גרויסע קוילען-שטרייק אין אמעריקא

נ י ו - י א ר ק, 2 (ספ. טעל] אין די מיטעל-מערב'דיגע פעראייניגטע-שטאטען איז אויסגעבראכען א גרויסער שטרייק פון די קוילען-גרובען-ארבייטער. ביז איצט שטרייקען 150 טויזענד ארבייטער. זיי פאדערען הוספה צום לוין, מ'רעכענט, אז דער שטרייק וועט לאנג דויערען.

אפגעברענט א גאנץ שטעטעל.

ב ו ד א פ ע ש ט, 2 (אטע) אין שטעטעל קערעסטעס (קארפאטען - רוס) איז אויסגעבראכען א שרפה, וועלכע האט זיך פערשפרייט מיט א געוואלדיגער שנעלינקייט. דאס גאנצע שטעטעל איז אפגעברענט געווארען, 120 הייזער זענען פערברענט געווארען, עטליכע צעהנדליג פערזאן זענען אומגעקומען.

טעלעפאן-צעהלערס

די רעפארם נאך נישט איינגעפיהרט.

וו א ר ש א, 2 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) די נייע רעפארם וועגען די טעלעפאן-צעהלערס איז נאך נישט איינגעפיהרט געווארען, דער וויצע - פאסט-מיניסטער האט ערקלערט, אז די פראגע וועגען די טעלעפאן-צעהלער וועט דעצידירט ווערען באלד אין 5 טעג ארום.

שטרייק אין עפענטליכע אינסטיטוציעס אין גראדנא

ג ר א ד נ א, 2 (טעלעפ) דא האבען פערשטרייקט די ארבייטער פון די עפענטליכע אינסטיטוציעס. דאס מיליטער האט פערנומען די עלעקטראוועגיע און די וואסערלייטונג.

2 אפיצירען — שפיאנען.

גרויסער פראצעס אין טהארן

ט א ר ן, 2. (טעלעפאניש).

היינט האט זיך אין שטאנד-געריכט אנגעהויבען דער פראצעס געגען די אפיצירען פון שטעדטעל כאינין: קאזשימיעזש אורבאניאק און פאוועל פיאנטעק, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין מיליטער-שפיאנאזש לטובת דייטשלאנד. אויסער זיי זענען נאך אין דער שפיאנאזש אפערע פערמישט א גאנצע רייהע פערזאנען, וועלכע וועלען אבער גע-משפט ווערען און א געוועהנליכען גע-ריכט. די בעשולדיגטע אנערקענען זיך נישט אין זייער ש לד. עס דראהט זיי טויט-שטראף

געוואלט בעהערען בים-מארק'ן און בעקומען א הארץ-שלאג.

ב ע ר ל י ן, 2 (ספ. טעל.) נעכטען האבען זיך פאר דער פארלאמענט-געביידע פערזאמעלט א גרופע געוועזענע העכערע אפיצירען מיט'ן געוו. קריגס מיניסטער גענעראל ווייסבערגער בראש. די גרופע האט געוואלט איינארדנען א מאניפעסטאציע לכבוד דער 112-טער יאהרצייט פון ביסמארק'ן. פלוצלונג האט גענעראל ווייסבערגער בע-קומען א הארץ-שלאג און איז אויפ'ן ארט געשטארבען.

Photographe
H. Sroka
ŁÓDŹ
Brzezińska 69

דאס אטעליער איז ניי-רעמאנטירט און פערגרעסערט, יוז אויך פערזעהען מיט די נייעסטע „ע ד י ס א נ - רעפלעקטארען.

דערמיט מאך איך בעקאנט, אז צוליב רעקלאמע האב איך איינגעפיהרט אויסער-געוועהנליכע נידריגע פרייזען אויף מינע קינסטלעריש אויסגעפערטיגטע פאטאגרא-פיען לויט די אונטען - אויסגערעכענטען אויסנאהמס-פרייזען:

6 פאסטקארטען
נ.פ. דאפעלט רעטושירט 8 זל.
6 קאבינעט-בילדער „ 8 „
1 אריגינאל-פארטרעט נ.פ. 8 „

אויסער דעם גרופען-אויפנאהמען אויסער-אטעליער ווערען אויך אנגענומען אויפ'ן נאהמען צו זעהר מעסיגע פרייזען. צופאהר מיט'ן טראמוואי נומער 1.

בעמ.: צו יעדען הונדערט טוץ פאסט-קארטען ווערט צוגעגעבען א פאס-פארטעט.

די עולה פון דער יודישער בעפעלקערונג

נעהמט זיך אן אן אמעריקאנער סענאטאר.

נ י ו - י א ר ק, 2 (ספ. טעל.) סענאטאר קינג. וועלכער געהער צו דער דע-מאקראטישער פארטיי האט אין זיינס א רעדע פערלאנגט איבערצורייסען די דיפלאמאטישע בעציהונגען מיט די דא-זיגע מלוכות, וועלכע ווענדען נישט אן קיין גענוגענדע מיטלען אפצושטעלען די אנטי-יודישע עקסצעסען. רעדענדיג וועגען פוילען האט סענאטאר קינג ער-קלערט, אז די לאגע פון די יודען איז דארט א שווערע.

געשטארבען דער יוד. שריפטשטע-לער יכנה"ז (ישעיהו ניסן גאלדבערג)

מ א ס ק וו ע 2. (טעלעגראפיש דורך יט"א). אין מינסק איז פלוצלינג גע-שטארבען אין עלטער פון 69 יאהר דער בעקאנטער העברעאיש-יודישער שריפט-שטעלער און זשורנאליסט ישעיהו-ניסן גאלדבערג (פסעודאנים יכנה"ז).

אין די לעצטע יאהרען האט די סאוויעט-רעגירונג פערורטיילט גאלדבערג'ן צו די פערדינסטפולע שריפטשטעלער און בעשטימט פאר איהם א מלוכה-פענסיע.

גאלדבערג-יכנה"ז האט געשריבען אין א רייהע צייטונגען און זשורנאלען.

----

60 סאציאליסטען דראהט טויט-שטראף אין ליטע.

אינטערווענץ אין רעגירונגס-קרייזען נישט געהאט קיין ערפאלג.

ב ע ר ל י ן (ספ. טעל.) די היינטיגע צייטונגען מעלדען, אז די לעצטע טעג האט די קאוונער פאליציי ארעסטירט 60 מיטגלידער פון דער ליטווישער פאלקס-סאציאליסטען פארטיי, צווישען די ארעסטירטע געפינען זיך עטליכע אנ-געזעהענע אפאזיציאנעלע פאליטיקער. די ארעסטירטע ווערען בעשולדיגט אין ארגאניזירען צוזאמען מיט די קאמוניסטען אן אטענטאט אויף דער מלוכה. אלע 60 ארעסטירטע דראהט טויט-שטראף. די אינטערווענץ פון די ליטווישע לינקע פאליטיקער האבען נישט געהאט קיין ערפאלג.

נישט קיין אנפאל אויף פארד'ן, נאר סתם אן אומגליק.

נ י ו - י א ר ק, 2 (ספ. טעל.) לויט די קלאנגען, וואס קורסירען איז דער אנ-פאל אויף פארד'ן ארגאניזירט געווארען דורך סוחרים פון דעטראיט אויס קאנ-קורענץ צוועקען. די סוחרים פיהלען זיך בעעולה'ט צוליב די ביליגע לאגערען פון לעבענסמיטעל און מלבושים, וואס פארד האט ארגאניזירט.

דעטעקטיוון האבען ערקלערט, אז דער פארפאל מיט פארד'ן איז נישט געווען קיין אנפאל. די פאליציי זוכט אבער די 2 אויטאס, וועלכע האבען פארד'ן אי-בערגעלאזען אהן מעדיצינישע הילף.

ד ע ט ר א י ט, 2 (סע. טעל.) די לא-גע פון פארד'ן בעסערט זיך, פארד האלט, אז ער איז געפאלען א קרבן פון אן אנפאל.

ל א נ ד א ן, 2 (אטע) פארדס פריוואט

צוזאמענפאהר פון וואיעוואדעס אין ווארשא.

וו א ר ש א, 2 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). היינט 10 א זייגער אין דערפריה האט זיך אנגעהויבען די זיצונג פון דעם צוזאמענפאהר פון די וואיעוואדעס. עס זענען געווען אנוועזענד 16 וואיעוואדעס און דער ווארשאווער רעגירונגס-קאמיסאר. דעם פאר-זיץ האט געפיהרט דער אינערן-מיניס-טער סלאוואי-סקלאדקאווסקי. אויף דער פאר מיטאג-זיצונג איז אנוועזענד געווען דער וויצע-פרעמיער בארטעל. נאכמי-טאג זענען די וואיעוואדעס פארגע-שטעלט געווארען דעם מלוכה - פרעזי-דענט.

ווידער א מרגל קיין פוילען.

פארשט די ווירטשאפטליכע און פינאנציעלע לאגע.

וו א ר ש א , 2. (טעלעפאניש פון אונ-זער קארעספאנדענט). דער אויסערן-מיניסטער זאלעסקי האט היינט צום צווייטען מאל אויפגענומען אויף א אוי-דיענץ דעם אמעריקאנישען אמבאסאדאר אין בערלין, שורמאן. וואס עס איז גע-רעדט געווארען אויף די קאנפערענצען איז נאך נישט בעוואוסט

אפיציעל ווערט מיטגעטיילט, אז שור-מאן איז געקומען קיין פוילען, כדי זיך צו בעקענען מיט דער ווירטשאפטליכער און פינאנציעלער לאגע אין פוילען.

איבערגעריסען די סאוויעטיש-עסטלענדישע אונטערהאנדלונגען.

ר י ג א , 2. (סע. טעל.) אין רעוועל האט ארויסגערופען א סענסאציע דאס איבעררייסען פון די סאוויעטיש עסט-לענדישע אונטערהאנדלונגען וועגען א גארנטיע-אפמאך.

ס'פאסט זיך אזוי...

אונגארן וויל איינפיהרען דעם פאשיזם.

פ א ר י ז, 2. (סעצ. טעל.) די רייזע פון אונגארישען פרעמיער קיין רוים האט א וויכטיגע בעדייטונג. ס'האנדעלט זיך וועגען איינפיהרען אין אונגארן די פאשיסטישע ארדנונג.

לכבוד פסח

איז מען פערפומעריע פערזעהן מיט א רייכען אויסוואהל פון פערשידענע

פערפומען, אדעקאלאנען, באמבאניערען,

ווי אויך פערשידענע קאסמעטיק אויסלענדישע און איינלענדישע אר ע ס

צו האנקורענץ-פרייזען.

בימע זיך איבערצייגען! פאר רעעלע ווארע ווערט גאראנטירט!

פאר ענגראסיסטען ראבאט!

בעמ.: צו דעם בעקוועמליכקייט פון דער נ. קונדשאפט ווערט פאר דער „Coti" פערקויפט אויף דער וואג. מיט אכטונג

Perfumerja: Drukier, Zawadzka 11.

א גוט פראנספארירענדער רעסטאראן מיט פיינע קונדשאפט זאפארט איבערצוגעבען. אדרעס צו ערפאהרען אין אדמינ. „נייער פאלקסבלאט". 1917

POSZUKIWANY
zdolny ekspedjent
uczciwy, za dobrym wynagrodzeniem.
Kaucja wymagana. Oferty sub. „B. Ch." op administracji nin. pisma. 1935

ביליגער עלעקטרישער שטראם מיט 65 פראצ.

קען יעדערער בעקומען, ווען עס ווערט איבערגעארבייט פון

אלימשענ'ס אויף א אנראנימשענ'ס

ווי אויך נייע אנלאגעס, איבערארבייטען פון אלטע אויף נייע, פראקטיקאלען פון דער עלעקטראניע — אלעס אויף ראטעס! אנפראגעס אומזיסט פון 3 — 5 יעדען טאג. קומט און איבערצייגט אייך!

קאנצעסיאנירטע פירמע! קאנצעסיאנירטע פירמע!

Ch. SOLNIK i M. TORNER

Cegielniana 63 (sklep frontowy) אין הויז פון פוילישען טעאטער

Przez angażowanie nowej zdolniejszej siły fachowej, oraz udoskonaleń technicznych, jesteśmy nadal w stanie wykonywać najlepsze, artystyczne zdjęcia ku pełnemu zadowoleniu Sz. Klijenteli

ZAKŁAD FOTOGRAFICZNY „**H. PETRI**"
46 Piotrowska 46
Zakład czynny codziennie od 9 rano do 7 wieczór. 8681 **Ceny przystępne!**

ציוניסטישער וועלט-קאנגרעס וועט פארקומען היי-יאהר אין באזעל.

לאנדאן, 2 (טעלעגראפיש דורך י.ט.א.) פון די קרייזען, וועלכע שטעהען נאהנט צו דער ציוניסטישער ליטונג ווערען מיר געוואויר, אז דער ציוניסטישער וועלט קאנגרעס וועט היי-יאהר פארקומען אין באזעל (שווייץ).

פראפ. ווארבורג איז בערלין.

מ'ערווארט א נייע הילפס-אקציע פון „דזשאינט" פאר'ן אייראפעאישען יודענטום.

בערלין, 2. (טעלעגראפיש דורך יט"א) אין משך פון חודש אפריל ווערט אין בערלין ערווארט דאס אנקומען פון די דזשאינט-פיהרער פעליקס ווארבורג און דוד ברוין, וועלכע וועלען אפהאלטען א לענגערע קאנפערענץ מיט'ן „דזשאינט"-דירעקטאר פאר אייראפא ד"ר בערנהארד קאהאן.

ס'האנדעלט זיך וועגען א נייע גרויסער הילפס-אקציע פון „דזשאינט" פאר'ן אייראפעאישען יודענטום, בפרט פאר דער יודישער באפעלקערונג אין פוילען און סאוויעט-רוסלאנד.

ס'איז פאראויסצוזעהען, אז נאך פסח וועט ד"ר בערנהארד קאהאן קומען קיין פוילען און ארגאניזירען די נייע אקציע. דאן וועט ד"ר קאהאן פאהרען קיין סאוויעט-רוסלאנד, וואוהין ס'וועט אויך קומען פראפ. ווארבורג.

רומענישער קעניג איז גסיסה.

בוקארעשט, 2 (ספ. טעל.) דער געזונד-צושטאנד פון רומענישען קעניג איז האפנונגסלאז. דעם טויט פון קעניג קאן מען ערווארטען יעדען אויגענבליק.

סובסידיעס פון אקאדעמישען סענאט.

ווארשא, 2 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער אקאדעמישער סענאט האט בעשטימט גלייכע סובסידיעס פאר דער אקאדעמישער היים און פאר דער אסימילאטארישען קארפאראציע.

וועגען אן ענגלישען אוניווערזיטעט אין ארץ-ישראל.

לאנדאן, 2 (טעלעגראפיש דורך יט"א) קאלאנעל וועדזשוואוד האט אין ענגלישען פארלאמענט אנגעפרעגט דעם קאלאניען-מיניסטער, צי ס'ווערט טאקע געפלאנט די עפנונג פון אן ענגלישען אוניווערזיטעט אין ארץ-ישראל.

דער מיניסטער האט געענטפערט, אז די פראגע איז נאך נישט בעטראכט געווארען. אבער דער דעפארטאמענט פאר העכערע בילדונג בעמיהט זיך צו שאפען העכערע דיפלאם קורסען אויף ענגליש אין ירושלים.

דענישע רעגירונג בעשטימט א פענסיע פאר דער אלמנה פון געארג בראנדעס.

קאפענהאגען, 2. (טעלעגראפיש דורך י. ט. א.) דער דענישער פארלאמענט האט בעשלאסען צו בעשטימען א מלוכה פענסיע פון 3000 דענישע קראנען יעהרליך פאר דער אלמנה פון געארג בראנדעס.

דער גרויסער כינעזישער פלאנטער

ענגליש-אמעריקאניש-יאפאנישע אינטערווענץ אין פעקין. - קאנטאנער מיליטער בעשיסט ווידער נאנקין. - סאוויעט-רוסלאנד זאמעלט נדבות פאר די כינעזער. - אולטימאטום צו די קאנטאנער. - מאקדאנאלד פאדערט מילדע האנדלונג בנוגע כינא. - טערקיי'ס בעציהונג צו די כינעזישע געשעהענישען.

פעקין, 2 (ספ. טעל.) אין צוזאמענהאנג מיט די אונרוהען אין נאנקין, בעת וועלכע עס זיינען דער'הרג'עט געווארען א רייהע אויסלענדער — האבען די אמבאסאדארען פון ענגלאנד, יאפאן און אמעריקע ענערגיש אינטערווענירט אין פעקין. דער פראנצויזישער אמבאסאדאר האט איינגעלעגט אין דער אינטערווענץ אלס אבסערוואטאר.

לאנדאן, 2 (ספ. טעל.) די ענגלישע אדמיראליטעט איז אלארמירט געווארען, אז דאס קאנטאנער מיליטער האט ווידער אנגעהויבען צו באמבארדירען דעם ענגלישען קאנסולאט אין נאנקין. די כינעזער בעשיסען אויך די ענגלישע שיפען.

ריגא, 2 (אטע). אין סאוויעט-רוסלאנד האט זיך אנגעהויבען אן אגיטאציע צו זאמלען געלד-נדבות פאר די כינעזער, וואס האבען געליטען בעת'ן באמבארדירען נאנקין. אין פיל שטעדט זיינען פארגעקומען מאסען מיטינגען, אויף וועלכע די רעדנער זיינען ארויסגעטרעטען געגען ענגלאנד. די סאוויעטישע פראפעסיאנעלע פעראיינען האבען איבערגעשיקט דער קאנטאנישער רעגירונג 100 טויזענד רובל.

לאנדאן, 2 (אטע) אין די פאליטישע קרייזען הערשט א זעהר ערנסטע שטימונג. דער ענגלישער קאבינעט האלט אפ בעראטונגען וועגען פארמולירען דעם אולטימאטום צו דער קאנטאנער רעגירונג. צווישען לאנדאן, וואשינגטאן און טאקיא קומט פאר אן אויפהערליכער מיינונגס-אויסטויש. ס'איז נאך נישט אנגענומען קיין בעשלוס וועגען דעם, וואס צו טון אויב דער אולטימאטום וועט אפגעווארפען ווערען.

לאנדאן, 2 (אטע) אין א געשפרעך מיט א צייטונגס-פארשטעהער וועגען דער לאגע אין כינא, האט דער געוועזענער ענגלישער פרעמיער מאקדאנאלד ערקלערט: פאר מיר איז די פראגע פון שאנכיי נישט קיין צענטראל-פראבלעם, שאנכיי איז א כינעזישע שטאט, וועלכע וועט סוף-כל-סוף מוזען אפגעגעבען ווערען די כינעזער, מ'דארף דעריבער פיהרען מיט די כינעזער פריידליכע בעציהונגען, די פאליטיק פון שארפע מיטלען וועט נישט האבען קיין ערפאלג.

פאריז, 2 (אטע) דער טערקישער אויסערן-מיניסטער טעפיק-ביי האט ערקלערט, אז די געשעהענישען אין כינא אינטערעסירען טערקיי נאר אין איין הינזיכט, די גרויסע נאציאנאלע בעוועגונג אין כינא איז זעהר א סימפאטישע, אבער טערקיי שטרעבט, אז די דאזיגע בעוועגונג זאל זיך פארשפרייטען אויף א פרידליכען וועג.

איטאליעניש מיליטער אין אלבאניען

די רעוואלוציע אין אלבאניען ארגאניזירט זיך - יוגאסלאוויע פאדערט אונאפהענגיגקייט פון אלבאניען.

משיקאגא, 2. (ספ. טעל.) דער ספעציעלער קארעספאנדענט פון „משיקאגא טריבון" מעלדעט, אז די איטאליענער האבען ארויסגעשיקט קיין אלבאניען זעקס טויזענד זעלנער, טאנקען, הארמאטען און אמוניציע.

לאנדאן, 2. (אטע) די ציימונגען האבען בעקומען א ידיעה פון אטען, לויט וועלכער די לאגע אין אלבאניען ווערט אלץ מעהר ערנסט.

דער שוואגער פון פרעזידענט אכמעד-זאגו, משענא-באי ארגאניזירט א רעוואלוציע געגען דער איטאליענישער הערשאפט.

פאריז, 2. (אטע) די יוגאסלאווישע רעגירונג האט געשטעלט עטליכע בעדינגונגען ביים אדורכפיהרען די קאנטראלע אויף דער יוגאסלאוויש אלבאנישער גרעניץ. דער הויפט בעדינג איז די פערזיכערונג פון דער פעלקער ליגע פון דער אונאפהענגיגקייט פון אלבאניען. די יוגאסלאווישע רעגירונג פערלאנגט אויך דירעקטע אונטערהאנדלונגען צווישען דער יוגאסלאווישער און דער איטאליענישער רעגירונג.

פון דער „רומענישער התונה"...

סטודענטען ווערען צוריקגעשיקט פון קישינעוו אין א ספעציעלען צוג קיין יאסי. א פערוואלטער פון א באהן-סטאציע ווערט ארעסטירט, ווייל ער האט געוואלט פערהאלטען דעם צוג. - מיניסטארישע בעראטונג וועגען די לעצטע געשעהענישען.

קישינעוו, (יט"א) דעם 28-טען מערץ האט געדארפט אנקומען קיין קישינעוו א צאהלרייכע גרופע יאסער סטודענטען, וועלכע האבען געוואלט שטערען די פראיעקטירטע פייערונג פונ'ם דירעקטאר פונ'ם נאציאנאל-טעאטער ליוועסקי, דערפאר וואס ער האט אנגעשירט אויך ארטיסטען-יודען. כדי אויסצומיידען אונרוהען זענען צוגעשטעלט געווארען מיליטער-אפטיילונגען אין פערשידענע פונקטען אין צענטער פון שטאט. עס זענען געשיקט געווארען זשאנדארמען אויף דער סטאציע קאלאראשי.

די סטודענטען אין דער צאהל פון 200 האבען אפגעשטעלט דעם צוג מיט א פאר הונדערט מעטער פאר דער סטאציע און האבען געפרובט אריינצודרינגען אין שטאט דורך אן'אנדערען וועג. זיי זענען אבער פערהאלטען געווארען דורך די פאטרולען. מען האט ארומגערינגעלט די סטודענטען. זיי האבען א פאר מאל געפרובט דורכצורייסען דעם קארדאן. א גרופע קישינעווער סטודענטען האבען געפרובט ארויסצורייסען זייערע יאסער חברים פון די מיליטער-קארדאנען. קאוואלעריע-אפטיילונגען האבען דערצו נישט דערלאזט.

דער מיניסטער פון בעסאראביען ניצא האט פעראָרדנעט, אז מען זאל די סטודענטען אויפזעצען אויף א ספעציעלען צוג און אפפיהרען קיין יאסי. דער צוג האט געדארפט זיך אפשטעלען נאר אויף איין סטאציע פיפאטענס. אויף דער דאזיגער סטאציע האט דער געהילפס פערוואלטער פון דער באהן-סטאציע געוואלט העלפען די סטודענטען זיך צוריקקעהרען קיין קישינעוו.

דער קאמענדאנט פון דער מיליטער אפטיילונג, וואס האט די סטודענטען בעגלייט, האט איהם ארעסטירט.

בוקארעשט. (י.ט.א.) דער פרעמיער-מיניסטער גענ. אווערעסקו האט איינגעלאדען צו זיך דעם אינערן-מיניסטער נאנא, דעם פאליציי-פרעפעקט און האט אבגעהאלטען מיט זיי א בעראטונג וועגען די לעצטע געשעהענישען. דער פרעמיער-מיניסטער איז ענטשלאסען אנצונעמען ענערגישע מיטלען.

מיט דעם ערקלערט זיך אויך די ענערגישע האלטונג פון דער מאכט ביי די לעצטע מאניפעסטאציעס אין בוקארעשט און קישינעוו, א דאנק וועלכע די עקסצעסען זענען אויסגעמידען געווארען.

לוצאטי'ס לעצטע ווערטער וועגען יודען

ער שעצט טייער דעם יודישען פאלק.

רוים, 2. (טעלעגראפיש דורך יט"א). דער הויפט-רעדאקטאר פון „דזשואיש טריבון" הערמאן בערנשטיין האט מיטגעטיילט אין אן אינטערוויו דעם יט"א-פארשטעהער, אז אייניגע טעג פאר לוצאטי'ס טויט, האט ער איבערגעגעבען אינטערעסאנטע פרטים וועגען זיין בעציהונג צו יודען און צו יודישע פראבלעמען. לוצאטי'ס לעצטע ווערטער זענען געווען:

„די יודען זענען דאס פאלק, וואס איז אממעהרסטען פערפאלגט זייט אייניגע טויזענד יאהר".

ספעציעל האט לוצאטי זיך אבגערופען אויף די ליידען פון די יודען אין רומעניען.

לוצאטי האט ווייטער געזאגט בערנשטיינען, אז ביז די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען וועט ער זיין טריי דעם יודישען פאלק.

קאנגרעס פאר באדען-פראבלעמען

מיט'ן אנטייל פון דער א"י-רעגירונג.

ירושלים, 2 (טעלעגראפ'ש דורך י.ט.א.). אין דעם אינטערנאציאנאלען קאנגרעס פאר לאנדווירטשאפטליכע פראבלעמען, וואס קומט-פאר אין וואשינגטאן בקרוב, וועט אויך אנטייל נעהמען די ארץ-ישראל-רעגירונג. ס'וועט אויך זיך בעטייליגען דער העבראישער אוניווערזיטעט, וועלכער וועט שיקען זיין'ס א פערטרעטער.

נאציאנאלע מינדערהייטען אין ליטע

פראטעסטירען געגען דעם רעאקציאנערען פארלאמענט.

קאוונא. 2. (טעלעגראפיש דורך י. ט. א.) אויף דער לעצטער זיצונג פון ליטווישען סיים איז אריינגעטראגען געווארען א דרינגענדער פארשלאג אויפצופאדערן די רעגירונג אפצושאפען די פעלד געריכטען.

מיט א מעהרהייט שטימען איז דער פארשלאג אפגעווארפען געווארען. דאן האבען די סאציאליסטען, די יודען, פאליאקען און דייטשען דעמאנסטראטיוו פערלאזט דעם זאל, אלס פראטעסט געגען דער רעאקציאנערער מעהרהייט פון פארלאמענט.

קלוב פון קארעספאנדענטען פון אויסלענדישער יודישער פרעסע.

ווארשא, 2. (טעלעפאניש דורך י.ט.א.) די טעג איז אין ווארשא פארגעקומען די ארגאניזיר-זיצונג פון דעם ניי-בעגרינדעטען-קלוב פון קארעספאנדענטען פון דער אויסלענדישער יודישער פרעסע.

די אויפגאבע פון דעם קלוב איז צו האבען א שטענדיגען געגענזייטיגען קאנטאקט, צו אינטערווענירען ביי דער מאכט און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס וועגען פערלייכטערען די ארבייט א. ד. גל.

אלע פעראינטערעסירטע דארפען זיך מעלדען אין ביורא פון י.ט.א. אין ווארשא.

טעאטער „סקאלא", צעגעלניאנא 18.

גאסטשפילען פון װארש. יוד. קונסט-טעאטער „װ.י.ק.ט."
אונטער דער ליטונג פון
אידא קאמינסקא און זיגמונד טורקאװ

היינט, זונטאג, דעם 3. אפריל ד. י., 8.30 א זייגער אין אװענד
מארפיום
דראמע-נאקטורן אין 4 אקטען פון ד"ר ל. הערצער, יוריש: יצחק טורקאװ.

מאנטאג, דעם 4. אפריל ד. י. 8.30 אװענד
ברידער קאראמאזאװ
דראמע אין 3 אקטען (10 בילדער) פון ט. דאסטאיעװסקי, אינסצענירט פון אידא קאמינסקא.

אנסאמבל פון „װיקט" לויט'ן א.ב.: פרויען: אלטבוים סאניע, קאמינסקא אידא, ראפעל מרים. הערען: גרודבערג יצחק, דאמב אדם, הירשפעלד זלמן, טורקאװ זיגמונד, מעלמאן מאיר, מאנדעלבליט יעקב, מאקסימאװ מ. עפשטיין בנימין. אנהויב פון די פארשטעלונגען: פינקטליך האלב 9 אװענד.
די קליינע צאהל איבערגעבליבענע בילעטען — אין קאסע. אדמיניסטר.: מ. מאקסימאװ.

לאָדז. 3. אַפּריל. 1927

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז. 3. אַפּריל. 1927

אויף דער שוועל פון די סיים-וואַהלען.

די וואַהלען צום נייעם סיים, נישט קוקענדיג אויף אַלע קאָמבינאַציעס און קאַלקולאַציעס, וואָס ווערען דערציי געמאַכט-שטעהן אויף דער שוועל. זיי קענען פאָרקומען אַ פּאָר חדשים פריהער אָדער שפּעטער. די נאָהנסטע תקופה פון אונזער עפענטליכען לעבען, וועט אָבער אָהן שום ספק שטעהן אונטער דעם צייכען פון צוגרייטונגען צו די וואַהלען. און דאָ מוז פון אָנהויב אָן קלאָהר ווערען וואָס פון די לאָזונגען פון דעם נייעם רעזשים אויף דעם געביט פון נאַצ. מינדערהייטען מען דאַרף אַריינרעכענען אונטער דער קאַטעגאָריע פון דעקלאַמאַציע און וואָס עס איז ווילען, בעשלוס, פּראָגראַם.

צוויי וויכטיגע פראַגען שטעהען היינט אויף דער טאָג אָרדנונג: די זעלבסט-פערוואַלטונגס-פּראָיעקטען און די ענדערונג פון דער וואַהל-אָרדינאַציע. די רעגירונג האָט זיך בשעת דער פערגאַנגענער קאַדענץ פון סיים, אויסגעדרעהט פון אַן אָפענעם אַרויסזאָגען זיך וועגען זיי.

פון דער דאָזיגער תשובה וועט זי זיך אָבער נישט קענען אויסדרעהען. פון דער ביז-איצטיגער טאַקטיק פון דער רעגירונג קאָן מען נאָר איינס זיין זיכער: אַז זי וועט ביים אויסנוצען די עווענטועלע פולמאַכטען זיך נאָר ריכטען מיט איהר אייגענעם ווילען און נישט מיט די וואונשען פון איהרע פולמאַכטען-געבער. ביי דער געלעגענהייט וועט זי אָבער מוזען אַרויסווייזען איהר ווילען!

אין וועלכער ריכטונג זי וועט דעם ווילען אַרויסווייזען דאָס איז אַ פראַגע פון משער-זיין זיך און דאָ קאָן זיך יעדער איינער משער זיין דאָס וואָס איהם פאַסט אַמבעסטען. אויב ער וועט זיך דערביי צופעליג טועה זיין, וועט ער דאָס געוואָהר ווערען נאָך דער צייט.

צי באמת נאָך דער צייט, צי נאָר נאָך אַ געוויסער צייט? די רעגירונג פון פילסודסקי, וועלכע שטיצט זיך נישט אויף דער סיים-מעהרהייט, נאָר אויף דער עפענטליכער מיינונג, מוז אַלעמאַלס פערשטעהן, אַז פלוצימדיג פּאָליטיש פערגוואַלטיגען פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטען אויף דעם געביט פון זעלבסטפערוואַלטונג - געזעץ און אין וואַהל-געזעץ קאָן אַפילו יאָ אַרויסשטויסען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען פון זייער בערעכטיגטען אַנטייל אין סיים און זעלבסט-פערוואַלטונג, דאָס וועט אָבער בשום אופן נישט דורכשטרייכען און נישט לעזען דאָס פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטען אין הסכם מיט די אינטערעסען פון דער מלוכה.

דאָס פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטען איז דאָס צענטראַלע פּראָבלעם פון דער פּוילישער פּאָליטיק, סיי פון דער אינערער און מיטעלבאַר אויך פון דער אויסערער.

עס דערנעהנטערט זיך די מינוט פון ענטשלוס, ווען דער שלייער פון סוד וועט אַראָפּפאַלען. און דער אמת'ער אינהאַלט פון ספינקס וועט ענטפּלעקט ווערען פאַר דער גאַנצער וועלט.

רעפ. דר. א. אינזלער.

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47, tel. 26-02
אינערליכע קראַנקהייטען, ספּעצ. פאַר לונגען- און האַרץ-קראַנקהייטען, בעשטראַלונגען מיט קינסטליכע בערג-זון.
נעמט אָן פון 3—5 נאָכמיטאָג.

Dr. Z. Rakowski
ספּעציאַליסט פאַר אויערען, נאָז, האַלז- און לונגען-קראַנקהייטען.
קאָנסטאַנטינאָווסקאַ 9 טעלעפאָן 27-81
שפּרעכשטונדען פון 12 ביז 2 און פון 5 ביז 7. נעמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערושער 17 פון 10—11 און פון 2—3 נ.מ.

לואידזשי לוצאַטי!

א בינטעל זכרונות

פון סענ. דר. מיכאל רינגעל.

פון רוים איז געקומען די ידיעה, אַז לואידזשי לוצאַטי, דער געוועזענער פינאַנץ-מיניסטער און דער געוועזענער פּרעמיער פון איטאַליען איז געשטאָרבען. ביי דער ידיעה ווערען אין מיר לעבעדיג די זכרונות וועגען דעם אַלטען און אַכציג יאָהריגען זקן, וועלכען איך האָב פערזענליך געקענט.

ווען איך בין פאַר דריי-יאָהרען געווען אין רוים האָב איך אָפט געהאַט די געלעגענהייט צו בעגעגענען זיך מיט לוצאַטי. איך האָב שטענדיג בעוואונדערט ביי דעם איידלען זקן זיין לעבעדיגען גייסט זיין גלענצענדען זכרון און זיין גרויס אינטערעס פאַר יודישע פּראָבלעמען אין די לענדער פון מזרח אייראָפּאַ.

לוצאַטי איז געווען דער שאַפער פון דער קאָאָפּעראַטיסטישער בעוועגונג אין איטאַליען און די בעוועגונג האָט זיך אַ דאַנק זיין איניציאַטיווע ענטוויקעלט אין גרויסען מאַסשטאַב. אַלס פינאַנץ-מיניסטער האָט ער אַנידערגעלעגט דעם פונדאַמענט אונטער די פינאַנצען פון איטאַליען, וואָס זענען פאַר איהם געווען אינגאַנצען דעזאָרגאַניזירט.

בשעת דעם בערלינער קאָנגרעס נאָך דער רוסיש טערקישער מלחמה אין יאָהר 1878, האָט לוצאַטי גענומען אַ גרויסען אַנטייל אין די בעשטרעבונגען, וואָס זענען דעמאָלט געמאַכט געוואָרען, כדי צו פועל'ן ביי רומעניען מ'זאָל געבען גלייכבערעכטיגונג די יודען. און אויך שפּעטער וויפיל מאָל עס זענען פאָרגעקומען פערפאָלגונגען פון יודען בפרט אין רומעניען, אָדער אין צאַרישען רוסלאַנד פלעגט לוצאַטי תמיד בענוצען זיין גרויסע השפּעה. אַלס געלעהרטער און מלוכה-מאַן, כדי אַרויסצוהעלפען זיינע יודישע ברודער.

לוצאַטי האָט געשטאַמט פון אַ פאַמיליע פון בערימטע יודישע געלעהרטע אין איטאַליען, אַליין איז ער אָבער געווען אַ טיפישער איטאַליענישער ליבעראַל, וועלכען עס האָט אַחוץ דעם רחמנות-געפיהל פאַר די פערפאָלגטע זעהר פערבונדען מיט דער יודישער קולטור און דער יודישער רענעסאַנס-בעוועגונג.

ווען די חלוצישע בעוועגונג האָט זיך אָבער נאָך דער מלחמה פערשטאַרקט און די פּראָאינטערעסירונג פאַר ארץ-ישראל איז געוואַקסען, דאַן האָט לוצאַטי פערעפענטליכט אַ שעהנעם בריף מיט אַן אויפרוף צו שטיצען די דאָרטיגע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינאַ.

פּאַראיאָהרען האָט זיך פלוצים אין וואַרשאַ פערשפּרייט די ידיעה, אַז לוצאַטי איז אַרויסגעטרעטען פון דעם יודענטום. האַלטענדיג אַזאַ זאַך פאַר וועניג וואַהרשיינליך האָב איך מיך פערזענליך געווענדעט מיט אַן אָנפראַגע צו מיינע פריינד אין רוים און ספּעציעל צו דעם ראַבינער דאַנטע-לאַטעס און איך האָב בעקומען אַ קאַטעגאָרישע אָפּלייקענונג פון דער ידיעה.

נישט קוקענדיג דערויף וואָס ער איז אויסגעוואַקסען אין דער תקופה, ווען ליבעראַליזם און איטאַליענישער פּאַטריאָטיזם האָבען אינגאַנצען בעהערשט דאָס יודישע לעבען אין איטאַליען איז אָבער דער כח פון טראַדיציע און דער באַנד פון בלוט, וואָס האָט איהם פערייניגט מיט דעם יודישען פאָלק, געווען זעהר שטאַרק. זיין וואַרימער אינטערעס מיט וועלכען ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגען דער לאַגע פון די יודען אין פּוילען און דאָס פערלאַנגען וואָס אַמאָל נייע פּרטים, נאָך וועלכען ער האָט זיך צו מיר בעווענדעט אַפילו בריפליך, זענען דאָס בעסטע צייגניש דערפון. ער האָט מיר אויך דעמאָלט דערצעהלט אַז ער גרייט צו אַ ווערק וועגען דער לאַגע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען אין מזרח-אייראָפּאַ. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער פאַשיזם און די פאַשיסטישע אידעאָלאָגיע האָבען אין די לעצטע יאָהרען געוואונען די איבערהאַנד אין גאַנץ איטאַליען. און וואָס לוצאַטי האָט געהערט צו דעם לאַגער, וואָס ווערט בעקעמפט פון דער מוסאָליני'שער רעגירונג, איז אָבער לוצאַטי פאַר זיינע גרויסע פערדיענסטען ביז צום טויט געשעצט און בעליבט געווען אין גאַנץ איטאַליען, און אַלס געלעהרטער, און ספּעציעל אַלס פינאַנסיסט האָט ער געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער קולטורעלער וועלט.

וויסענשאַפטליך געאַרבייט האָט לוצאַטי ביז אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען. זיין גרויסע וואוינונג איז מיט איהר ריזיגער צאָהל ביכער געווען פערוואַנדעלט מעהר צו אַ עפענטליכער ביבליאָטעק, ווי צו אַ פּריוואַט-וואוינונג.

מיט לוצאַטי איז אָפּגעשטאָרבען אַ מאַן, וואָס סיי דורך זיין גייסט סיי דורך זיין כאַראַקטער האָט ער געבראַכט אַ גרויסען כבוד דעם יודישען פאָלק. ער איז געווען אַ לעבעדיגער בעווייז וויפיל יודען קאָנען אויפטאָן ווען זיי לעבען אין דער אַטמאָספערע פון פרייהייט און זענען נישט אָפּגעטיילט מיט אַ מויער פון בעשרענקונגען פון דער שאַפערישער אַרבייט.

יודישע נייעס.

זיך אָנגעהויבען די לאַנדווירטשאַפטליכע צעהלונג אין ארץ-ישראל.

ירושלים, (י. ט. א.) דעם 21-טען מערץ האָט זיך אָנגעהויבען די לאַנדווירטשאַפטליכע צעהלונג אין די ארץ-ישראל'דיגע יודישע ישובים. די דאָזיגע סטאַטיסטישע אויספאָרשונג איז אָרגאַניזירט געוואָרען דורך דעם היגען ציוניסטישען עקזעקוטיוו.

די צעהלונג קומט פאָר ביי דער מיטווירקונג פון אַלע אַנדערע היגע יודישע קאָלאָניזאַציע-געזעלשאַפטען, און אויך דער פעדעראַציע פון די יודישע קאָלאָניסטען אין יהודה שומרון און גליל די צעהלונג ווערט אָנגעפיהרט פון אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע בעשטעהט פון פאָרשטעהער פון אַלע פעראינטערעסירטע אָרגאַניזאַציעס און פאַכמענער ווי: דר. רופּין א. או. וו.

א נייער 8-יעהריגער יודישער פילם-סטאַר.

בערלין, (י.ט.א.) אַ גרויסען אינטערעס האָט אין די אַרטיסטישע קרייזען אַרויסגערופען דער ערשטער אַרויסטריט פון 8-יעהריגען יודישען פילם-אַרטיסט מאַרא שפּיגעל. אין די פילם-קרייזען זאָגט מען פאָראויס דעם טאַלאַנטפולען קינד אַ גלענצענדע צוקונפט. מאַרא שפּיגעל איז אַ זוהן פון אַ יודישען דאָקטאָר פון רוסלאַנד, וואָס איז בעקאַנט אין די בערלינער העבּרעאיסטישע קרייזען.

ראַטענוי-פּאַלאַץ פערוואַנדעלט אין אַ קונסט-הויז.

בערלין. (יט"א). צוויי אַנטיקוואַרען גאָלדשמידט און הייליבראָנער האָבען איבערגענומען ראַטענוי'ס פּאַלאַץ אין בערלין און איינגעאָרדנעט דאָרט אַ פּראַכטפולע קונסט-הויז.

די קונסט-ווערק זענען געוואָרפען לויט בעזונדערע עפּאָכען. דאָס נייע קונסט-הויז געהערט צו די רייכסטע אין אייראָפּאַ און ענטהאַלט פיל זעלטענהייטען.

איבער'ן מיטלענדישן ים.

(איינדריקען פון דער רייזע אויף דער שיף „עספּעריאַ").

פון ראובן בריינין.

זעקס שעה איז די „עספּעריאַ" געשטאַנען אין נעאַפּאָל. דריי שעה איז אונז אויסגעקומען צו וואַרטען זיצענדיג שוין אין שיף.

אָט די דריי שעה האָבען זיך געצויגען אין מיינע אויגען ווי אַן אומענדליכקייט פון צייט. אַ מאָדנער געפיהל: מיר האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז מיר פאָהרען ווירקליך קיין ירושלים. אפשר חלום'ט זיך דאָס מיר, אַז מיר זיצען שוין ממש אין שיף. אַזוי שווער, מיט אַזוי פיל מיה איז אונז אָנגעקומען צו דערלאַנגען אַ פּלאַץ אין שיף, און כמעט מיט געוואַלד זיך אַרויסרייסען פון נעאַפּאָל, איינע פון די שענסטע שטעט אין דער גאַנצער וועלט.

די וועלט האָט בעשאַפען אַ ווערטעל, וואָס איז בעקאַנט אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען: זעה נעאַפּאָל און שטאַרב!

דאָס וויל זאָגען: „האָסטו געזעהן נעאַפּאָל, דאַן האָסטו דערגרייכט דאָס העכסטע אין לעבען!"

ניין, מיר האָט זיך כלל נישט געוואָלט שטאַרבען, נאָך דעם ווי איך האָב געזעהן אַלץ אין נעאַפּאָל און גענאָסען איהר וואונדערבאַרע אומגעבונג, דעם אינזעל קאַפּרו, די בלויע גראָטע, דעם וועזוביוס – דעם פייער-שפּייענדיגען באַרג – און די חורבות פון פּאָמפּעי. – איך האָב געשטרעבט, געגאַרט, געבענקט נאָך ארץ ישראל, נאָך דעם נייעם לעבען דאָרט.

און באַלד נאָך פינף אַזייגער איז די מאַיעסטעטישע „עספּעריא" אָפּגעגאַנגען פון האַפען.

אַ גליקליכער געפיהל. יעדער רוק פון שיף ברענגט מיך נעהנטער צו ארץ ישראל: אַ לעבען געהאַפט דאָרט צו זיין, אַ לעבען געטרוימט וועגען אַ לאַנד, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן מיט מיינע קערפּערליכע אויגען, אַ לעבען געוואַרט אויף דעם גרויסען טאָג, וואָס איך וועל טרעטען מיט מיינע פיס אויף דעם באָדען פון אונזערע אבות און דעם באָדען, אויף וועלכען עס ווערט איצט געשאַפען אַ ניי לעבען פול פערשפּרעכונגען, פול אויפלעבונגס-קרעפטער. וואו עס ווערט פערווירקליכט אַן אַלטער טרוים און די ווירקליכקייט ווערט אַ נייער טרוים.

איך זעה פון'ם שיפ'ס דעק דעם רויכערנדיגען וועזוביוס. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי דער געוועהנליכער, קאָפּ-ריזענער באַרג וועזוביוס האַלט אין מויל אין קראַטער, – אַ ריזיגען סיגאַר און רויכערט גאַנץ געמיטליך, דעם רויך לאָזט ער אין גרויסע אָטעם-צוגען איבער'ן ים שפּיגעל.

ניין, איך חלום נישט.

איך העהר ווי אַ דיקער שווער-סאָפּענדיגער דייטש, וואָס שטעהט לעבען מיר און קוקט אין אַ פּערספּעקטיוו, ווי איך – איך העהר ווי ער זאָגט אין עכט-בערלינער דיאַלעקט:

„צום דייבעל (טייפעל) וואָרום וואַרפט דער וועזוף איצט נישט זיין לאַוואַ, וואָרום שפּייט ער איצט נישט מיט פייער אויף דעם מאָדערנעם סדום, אויף דער רויבערישער נעאַפּאָל. פאַרוואָס שווייגט ער די גנבים, אַז פערברענט, פאַר'שרפ'ט זאָלען זיי, די נעאַפּאָלער, ווערען, – אַרומגעפּליקט האָבען זיי מיך!"

אַ צייט, בין איך געשטאַנען אויפ'ן שיפּס-דעק. מ'האָט קלאָר, דייטליך געזעהן דעם בעלויכטענעם וועג אויפ'ן וועזוביוס, אויף וועלכען דער עלעקטרישער וואַגאָן דראַפּעט זיך פון אונטען אין דער הויך, ווי אַ פייערדיגער לויתן, וואָס שלענגעלט זיך אַרום דעם אָפּרוהענדען, פינסטערן לייב פון'ם וועזוביוס, וועלכער גיט פון צייט צו צייט אַ שפּיי מיט אונטערערדישען פייער און מאַכט וויסט שטעט און פערשיט מיט ברענענדיגען אַש טויזענטער מענשען.

עס איז געוואָרען נאַכט. מיר זענען פערביייגעפאָהרען פינסטערע פעלזען, וואָס מאַכען אין דער נאַכט אַן איינדרוק פון פאַנטאַסטישע חיות, שטומע, ריזען בעשעפענישען. אויך אַזעלכע פינסטערע פעלזען, וואו ערגיץ וואו אין אַ שפּאַלט, אין אַ הייל האָבען געברענט לאַמטערנעס מיט אַ פאַרביגען ליכט; די ברענענדע לאַמטערנעס האָבען געמאַכט דעם איינדרוק פון אויגען פון ווילדע חיות אין מיטען ים.

מיר זענען פערביייגעפאָהרען אינזלען, שטאָק-פינסטערע, געהיימניספולע.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבען בין איך געפאָהרען אויפ'ן מיטעלענדישען ים, וואו אַ וויכטיג שטיק געשיכטע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די פריהערדיגע דורות.

די שיף איז רוהיג געשוואומען, – אַזוי אויך מיינע געדאַנקען.

אויפ'ן ים, צווישען וואַסער און הימעל, בעזונדערס ווען מען שפּאַצירט אַליין אַרום אויפ'ן שיפּס-דעק שפּעט אין דער נאַכט, דענקט זיך אַ סך לייכטער. אויך דער געדאַנק שווימט איבער אָפּגרונדען פון אייביגע, לעצטע פראַגען.

* * *

ווי ענג, ווי קליין איז נאָך אַלעמען די גרויסע וועלט וואוהין מ'פאָהרט, אויף וועלכער שיף מ'זעצט זיך, און וואוהין מ'קומט טרעפט מען בעקאַנטע.

מיר זענען נאָר אַרויף אויף דער שיף, האָבען מיר געטראָפען אַ בעקאַנטע פאַמיליע פון אַלעקסאַנדריע: מר. אבּרהמס און פרוי. מיר האָבען זיך בעקאַנט מיט זיבעצען יאָהר צוריק אין מאַריענבאַד. זיי האָבען אונז גלייך דערקענט, כאָטש איך האָב לחלוטין פערגעסען זייער פּרצוף פּנים.

אַ שוועסטער פון'ם פרומען מיליאָנער, וועלכע איז מיטגעפאָהרען, האָט זיך די גאַנצע צייט פון אונזער געשפּרעך וועגען ארץ-ישראל, און וועגען דעם ווען משיח וועט שוין קומען, אַרומגעצאַצקעט מיט איהר הינטעלע, פון אַ יחוס'דיגער משפּחה. דאָס הינטעלע איז געווען אויסגעצירט אין אַ זעהר טייערען האַלז-באַנד, מיט אַ גאָלדענעם רינג: דאָס הינטעלע איז געווען זאָרגפעלטיג געוואַשען און געקעמט.

דער ברודער פון דער דאַמע, מר. אבּרהמ'ס, האָט מיר בעמערקט, אַז אויך זיין שוועסטער, וועלכע שפּילט זיך מיט דעם הינטעלע איז זעהר פרום און זי בענטשט ליכט. דאָך האָט זי אונטערגעבראָכען דעם געשפּרעך פון איהר עלטערן ברודער וועגען דער גאולה שלימה און האָט מיט בעגייסטערונג דערצעהלט וועגען אַן אויסשטעלונג פון הינט אין פּאַריז, וועלכע זי האָט נישט לאַנג בעזוכט.

אויף דער עלטער אבּרהמ'ס איז איבערגעגאַנגען אום געשפּרעך וועגען די פערשידענע הינט-ראַסען, הינט-געוואוינהייטען, הינט-טריקס און ד. גל.

זעהענדיג, אַז איך בין גאַר נישט פּאַראינטערעסירט אינ'ם געשפּרעך וועגען די הינטישע ראַסען און וועגען די פריוזען אויף הינט אין פערשידענע לענדער האָט ער מיך אַ פראַגע געטאָן:

– אינטערעסירט איהר זיך נישט, אַלס שריפטשטעלער, מיט הינט. האָט איהר געטראָפען אין לעבען אַ גרעסערן פריינד ווי אַ הונט, האָט איהר נישט געלייענט דעם בריליאַנטענעם עסיי פון מאָריס מעטערלינק וועגען דער קלוגשאַפט און פיינקייט פון אַ הונט?

דער עלטער האָט מיך געוואָלט איבעררעשען מיט זיין קענטניש אויפ'ן געביט פון דער „הינט-ליטעראַטור".

מיין בעקאַנטשאַפט מיט דעם, וואָס טורגעניעוו און מעטערלינק האָבען געשריבען וועגען די חכמות און די פיינקייטען פון זייערע הינט, האָט געראַטעוועט מיין כבוד און מיין אַנזעהן אין די אויגען פון דער דאַמע, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו ליובלען און העטשלען איהר הינטעל.

די עלעגאַנטע יודישע וועלט-דאַמע האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ מינע פון אַן אַוטאָריטעט אין ליטעראַרישע זאַכען, מיט דער גייסטרייכער בעמערקונג: „אַ שריפטשטעלער מוז זיך פערשטעהן אויף הינט".

אין הערצען האָב איך געטראַכט: די דאַמע האָט רעכט. ליידער נישט אַלע מאָל פערשטעהען מיר זיך,-מיר שריפטשטעלער-אויף הינט, בעזונדערס נישט. ווען די הינטישע נשמות זענען פערקליידעט אין מענשליכע לייבער.

יודישע עצות.

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט" ענטפערן אויף יורידישע אנפראגן, וואס ווערן געשיקט נאר שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן.

יורידישע אפטיילונג פון „נייעם פאלקסבלאט"

מיט דיזע קופאן אנפראגען אויף א יורידישע עצה דארף צולייגן יעדער לעזער ביי די אנפראגעס וועלכע ווערן אריינגעשיקט. אויף אנפראגען אהן קופאן קען מען ענטפער גאנץ נישט געבן.

גילטיג דעם 3 אפריל 1927.

2010. א לעזער פון נאוואמעווישט.

מיר האבן שוין איינגע מאל געענטפערט, אז דער הויז-ווירט האט נישט קיין רעכט צו פאדערן דירה-געלד פאר'ן פרייז, ווען עס האנדעלט זיך וועגן א פריוואט-וואוינונג, קוים האט דער ווירט אייך אבער שוין איינגעקלאגט, בעט דאס געריכט אז מען זאל אבווארטן די מאנגונג צוליב איהר פריצייטיקייט און באשטעט'ן דעם ווירט צו בעצאהלען געריכטס-קאסטען.

Proszę o oddalenie dowództwa jako przedwczesne, i o zasądzenie od powoda kosztów sądowych) פאר'ן לויפענדן קווארטאל (27 1/1-1/4) ביי 250 רובעל גרונד דירה-געלד דארפט איהר צאהלען 124 זלאטעס 69 גראשען, שוין מיט די אויסגאבען.

2011. א פראינטערעסירטער לעזער פון גייערס מארק.

מיר האבן דערווייל פון אזא שטייער אמגעסטיע נישט געהערט, סיידען אחר זאלט מיינען די פעראדנונג פון מלוכה-פרעזידענט פון 24 יאנואר 1927, לויט 1 ארטיקעל פון דער דערמאנטער פעראדנונג ווערען אנולירט אלע פערלעגענע דירעקטע שטייערן, סטעמפעל-אפצאהלונגען און שטייערן פון ירושות און דאראווידענס, אויב יעדער באזונדערע פאזיציע בעטרעפט נישט מעהר ווי 1 זלאטי לטובת דער מלוכה קאסע. אנולירט ווערען אויך די צינגעיאקסטעג

פראצענטער און שטראפען פאר אפשלאגען.

2012. ש. ג. פון אלטשטאדט.

לויט דער פעראדנונג פון פינאנץ, האנדעלס- און לאנדווירטש. מיניסטעריען פון 5 פעברואר 1927 (דז. אוסטאוו – 11 פאז. 93) קען מען אין משך פון 1. מערץ ביז'ן 15 אפריל 1927 אריינפיהרען אין פוילען פון פאלעסטינא מצות אפצאהלענדיג 40 פראצ. ביליגער לויט'ן גערמעלען צאל-טאריף.

2013. א לעזער פון נאווראט 34.

וואלאגנס-שטייער ווערט איינגעמאנט נישט ביים סובלאקאטאר נאר ביים הויפט-לאקאטאר.

2014. ש. ש. 10.

אלט מי דיצהריגער אין היזיכט פון ציווילע רעכט ווערט אנערקענט יעדער איינער, וואס איז נאך נישט אלט פולע 21 יאהר.

2015. דוב. ער.

עס איז א פראגע, צי אייער זוהן האט אנגענומען די פאלעסטינא בירגער-שאפט אדער נישט. אויב נישט האט זיך זיין רעכט לויט בוגע דער פוילישער בירגערשאפט, טראץ דער בעקומענע ערלויבניש, אנצונעמען אנדערע בירגערשאפט, אפסאלוט נישט געענדערט.

2016. לאזארזאן.

אריינציהען אין אקופיראן-דינסט קען מען פון 18 ביז 36 יאהר. דער ראזיגער פאשפארט ווערט אבער אנגעווענדען נאר אין אויסנאהם פאלען.

2017. א לאקאטאר פון שוו. יאקובא.

עס איז נישט גרויסן זינס פאר-שריפט אויפן סמך פון וועלכן דער הויזווירט זאל קאנען באצוען פאראויס דירה-געלד פון א לאקאטאר אין א פריוואט-וואוינונג. אזוי ווי איהר זענט שולדיג דירה-געלד נאך פאר'ן פאריגען קווארטאל האט דער ווירט שוין א מאטיוו איינצוקלאגען אייך אפילו פאר 2 קווארטאל.

2018. אייזיקאוויטש.

די עלטערע שוועסטער איז א שטאגונג צו אנערקענען אייך אלס איינציגען ספיראטן, פיררען זי איז נישט ארבייטספעהיג.

טליתים-פאבריק

צוזאמענשטעלונג פון וואלענע, האלב-וואלענע זיידענע טליתים, ווי אויך טליתים-קטנים הורט און דעטייל מיט פינונג, אויך גארטלען, שפאניעס און ציצית צו בעקומען ביליגער ווי איבעראל

ביי א. ה. ציטרינאוויטש, קאמיענ אין צווייטען הויף פארטער. קומט און איבערצייגט זיך. געמערקונג: ס'ווערען אויך אנגענומען אלטע טליתים.

Czopki Hemoojdalne Gąseckiego

(מזמ'ן העהנגעל) בעזייטיגען וועהטאג, ברענונג, בייסעניש, פארקלענערן געשווירען.

עס פערקויפען די אפטייקען. 1462

עד מתי עצל תשכב?

ווי לאנג וועסטו ווארטען מיט דיינע איצטיגע און פאר'ן מלחמה'דיגע וועקסלען?

מתי תקום משנתך?

ווען וועסטו קומען אין ביורא

17 פעטריקאווער 17

2-טען הויף, פארטער, דורכגאנג זאכאדניא 52, וואו מ'ווערט ערלעדיגט און געשריבען אלערליי ביטעס לויט'ן געזעץ, קלאגעזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעדט אין פוילען, אפעלאציעס, אפאזיציעס, אדוואקאניעס, רעקורסען, וועגען פעסער און קא-מיסאריאט-רזשאנדו, ביטעס וועגען דירה און אוזשו-ראזיעמטשע און אין אלע פאליציי-בעצירקען, שוהל-אקטען, סטאטוטען, אקטען אינטערציז-אקטען דאראוויניעס, קארנע ספראוועס, ווי איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.

רעכט-קאנסולענט י. מאנעל פעטריקאווער 17, זאכאדניא שנעל, רעעל און ביליג

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט די געעהרטע קונדשאפט, אז לאנג-יעהריגעס געשעפט פון גארדינען און דיוואנען איז איבערגעטראגען געווארען פון נאוואמיעסקא 21 (עק פראנציסקאנער) וואלנאשטש

נאוואמיעסקא 1

און איך בעזיץ צו די פארשטעהענדע פייערטעג א גרויסען אויסוואהל פון גארדינען, דיוואנען, לינאלעאומס, פ... דעקען. ווי אויך א גרויסען אויסוואהל פ... פינקט'ס פלוש-דעקען

1553 אלעס צו זעהר ביליגע פרייזען.

Rotenberg, Łódź
Nowomiejska 1, tel. 57-10.

Dr. med.
W. Eychner
פרויען-קרענקהייטען און אקושעריע
זגערזשסקע 11 טעל. 34-72.
נעמט אן אין דער לעטשניצע עפעראטא'ר. 294 פון 12—2. מיטאג אין דער היים פון 6-8 אוו.

Dr. med.
Braun
פאלודניאווא 23
טעלעפאן 40-26
ספעציאל-ארצט פאר הויט און וועטערישע קראנקהייטען און מענער - שוואכע. בעהאנדלונג מיט קווארץ-ליכט (הער-אויספאל) נעמט אן פון 9—12 פריה און פון 5 — 8 אווענד

ד"ר
הערשפינקעל
Zawadzka 15, telefon 11-87
ספעציאליסט פאר קינדער - קראנקהייטען.
נעמט אן אינערליכע פון 8—10 פריה און פון 3—5 נאכמיטאג און אילעקטשניצע „פאסאק".

Dr. med.
H. Lajchter
קאנסטאנטינער 9.
רוג זאכאדניא טעל. 49-66
צאהן - כירורג
ספעצ. פון כירורגישע קראנקהייטען ווי: שמשענקעס, גומענס, רושאנבלעס, צאהן - פלאמבלעס א.ז.וו. נעמט אן פון 1½—5 און פון 8—9 אוו. זונטאג 11—2.

Dr. med
STUPEL
Szkolna 12
ספעציאליסט פאר הויט, הער און וועגערישע קראנקהייטען, מענער-שוואכע, רענטגען שטראהלען און קווארץ-ליכט, עלעקטרא-טעראפיע.
נעמט אן פון 6—9 אוונט, פרויען 12 ביז 3 נאכמ. 373

Dr. med.
L. Pikielny
ספעציאל-ארצט פאר נירען, בלאזען און הארן - קראנקהייטען
Nawrot 8,
telefon 19-90.
נעמט אן פון 4—7 אוו. 166

אם ראס זענען
די בעסטע
שאכאלאד
אין טאבליטשקעס
בעריהמט אין אנערקענט
אויף דער גאנצער וועלט
אלס געזונד אין נאהרהאפט
כשר לפסח.

1821

די, וועלכע איצן האט פעראטען.

בעארבייט פאר'ן „נייעם פאלקסבלאט" לויט פערשידענע מאטעריאלען פון ל. בראנט. (47

פארוואס דער אטענטאט האט זיך נישט איינגעגעבען – וועגען דעם זענען פערהאן פערשידענע השערות. איינגע האלטען, אז קיין שולד מצד אזעוו'ן איז אין דעם פאל נישט געווען פערקעהרט, אזעוו איז פראינטערעסירט געווען, אז דער אטענטאט זאל געלינגען. זיין רעפוטאציע האט זיך געוואקלט. די קלאנגען, אז ער איז א פראוואקאטאר, זענען געווארען אלץ הארטנעקיגער, די חשדים שארפער. ווען דער אטענטאט וואלט זיך איינגעגעבען, וואלט ער געווארען אויף א לאנגער צייט ריינגעוואשען. צו זיין רוהם אלס ארגאניזאטאר פון די אטענטאטען אויף פלעווע'ן, סערגיי אלעקסאנדראוויטש'ן און פיל אנדערע וואלט צוגעקומען נאך א נייעם בלאט, ווי דער אטענטאט אויפ'ן צאר יעדער איינציגער, אפילו דער, וואס איז געווען צום טיפסטען איבערצייגט אין זיין פראוואקאטארישער טעטיגקייט, וואלט געמוזט אנטשוויגען ווערען.

דאגעגען בארים סאווינקאוו, וועלכער האט גענומען אזא ווילטיגען אנטייל אין צוגרייטען דעם אטענטאט אין האט אליין דערביי איינגעשטעלט דאס לעבען – ער איז געווען איבערצייגט, אז דער אטענטאט איז נישט געלונגען, ווייל דערין איז געווען אזעוו'ס האנד. אין דעם לעצטען וואס, וואס סאווינקאוו האט געהאלטען פאר'ן סאוויעטישען טריבונאל נאכדעם, ווי ער איז אריבער די רוסישע גרעניץ און זיך פרייוויליג איבערגעגעבען אין די הענד פון זיינע פארביסענסטע שונאים, האט ער צווישען אנדערען געזאגט:

„איך געדענק א זומער-מארגען. פעטערבורג. אדמיראלטייסקער פראספעקט, שטויביגע שאסיי. אזעוו גייט לענגאויס דעם צוגאנג (יעגאר סאזאנאוו, וועלכער האט אויסגעפיהרט פלעווע'ן מיט א באמבע און איז אליין דערביי שווער פערוואונדעט געווארען). א פאר וואגענער, א טעראריסטישער. און איך בין גע-שטאנען איבער איהם. דערנאכדעם – די בעשטימטע קארעטע פון פלעווע'ן, א פרישער ארגאן מיט א צעזעבראכענער מציה גאהט צו מיר צו, און איך האלט אין האנד א רעוואלווער, און איך געדענק מאסקווע און דעם קרעמל. ס'איז געווען ווינטער, ס'איז געגאנגען א שניי. איך קוק אין די לעצטע קאליאיעוו'ן, און צוויי מינוט ארום דערהערט זיך אן אויפרייס, און דער גרויספירשט סערגעי (אלעקסאנדראוויטש) איז דערהרג'עט. איך געדענק ווייטער: מאסקווע, א פרישטע גרוב, א פלאץ, ווי דער אן אויפרייס – דובאסאוו איז פערוואונדעט. און איך געדענק דאס ווייסע גלאזגא. די רוסישע שיף „ריורוק", דער מאטראס אווריטשאוו – ער איז אלעס זיכער מיט אייך – און איך מעטראכט אגנאייעם מיט א חם, וואו ער וועט מיך בעהאלטען אין טרייבם, און ס'וועט זיין א צפרנישער סמאטר אויף דער שיף און ס'וועט זיין אן אויפרייס. קיין אויפרייס איז נישט געווען, ווייל ס'איז געווען אזעוו. איך געדענק די סעוואסטאפאלער פעסטונג און די אייזערנע קראטעס, אזוי ווי איצט. און ווידער ספעהט ביי מיר מיר א וועכטער, און טויט-שטראף ערווארט מיך, אזוי ווי איצט. – איך געדענק דאס אלץ. ווי גליקליך בין איך געווען, ווען איך בין געשטאנען געוועלט אין טורמע! מיט וואספאר שמאלץ האט געקלאפט מיין הארץ! איך האב געוואוסט, אז דאס גאנצע רוסישע פאלק, אלע ארבייטער און פויערים זענען מיט מיר, און אז אין גאנץ רוסלאנד איז נישטא קיין איין מענש, וועלכער זאל מיך נישט דערמאנען. ווען איך וועל שטארבען. און איך בין פרייליך און שטאלץ געשטאנען פאר מיינע ריכטער, זיי האבען מיך נישט אויפגעהאנגען, איך בין אנטלאפען פון דער טורמע"...

סאווינקאוו האט דא אין עטליכע ווערטער דערמאהנט דעם צענזאר וועגען זיין אנטלויפען פון דער סעוואסטאפאלער טורמע אין ווייטער, אויך אין א פאר ווערטער גערעדט וועגען זיין פאמיליע און איהרע ליידען. דאס איז געווען א מערקווירדיגע משפחה: דער פאטער איז געווען א ריכטער און איז בעזייטיגט געווארען פון דעם מלוכה-פאסטען, וועלכען ער האט פערנומען, פאר זיינע רעוואלוציאנערע איבערצייגונגען. א העכסט אינטערעסאנטע פערזענליכקייט איז געווען סאווינקאוו'ס מוטער פון איהר זענען פערבליבען מעמוארען א. ג. „די קורצע, איינפאכע צייל'ער שילדערט זי דעם מארטירער-וועג, וואס איהר איז אויסגעקומען דורכצוגעהן אלס מוטער דריי זיהן, וועלכע זענען געווען פערוויקעלט אין דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג, אין דער צער און די ליידען פון דער מוטער שטעלען זיך פאר אין אזא ערשיטערנדער געשטאלט, אז דער לעזער פרעגט זיך נישט איין מאל: צי איז מעגליך, א מענש זאל זיין בכוח דאס אלץ אריבערצוטראגען.

דער עלטסטער זוהן פון סאפיא סאווינקאוו איז ארעסטירט געווארען פאר אנטייל גענומען אין סטודענטישע אונרוהען אין פעטערבורג. די מוטער איז תיכף געקומען קיין פעטערבורג, געלאפען פון די שוועלען פון איין קאנצעלאריע נאך דער אנדערער, פון איין בעאמטען נאכ'ן אנדערען, וועלענדיג זי וועלן איהר זוהן, און אומעטום האט זי בעגעגענט קאלטע הערצער און גרויזאמע בליקען פון ביוראקראטען, וועלכע האבען איהר איינגעזאגט נישט געוואלט אויסהערען, אדער איהר אויסגעהערט מיט א קאלטער העפליכקייט און מיט א פאדיקאלע סאדיסטישע פייגענאנגען געשפאסט איבער דער צובלוטיגטער נשמה פון אומגליקליכער מוטער. נישט איינמאל האט די צארטע, אינטעליגענטע פרוי געהערט ביי זיך אין הארצען: און דאס זענען מענשען, וואס זענען אויסגעוואקסען פון זעלבען בארען, זעלבען פאלק, וואס האט ארויסגעגעבען טאלסטאי'ען און די טאיעווסקי'ן? דאס זענען בלוט-ברידער פון ביעלינסקי'ן, טור-גייעוו'ן, הערצען'ען?

איינמאל האט זיך פרוי סאפיא סאווינקאוו אנגערופען צו פ... וואס'ס א בעאמטען, א יונגען זשאנדארמען-פארוטשיק, וועלכער האט זיך צוגעהערט צו די טענות פון דער פרוי מיט א קאלט געזאגט שמייכלענדיג: „הער פארוטשיק, האט איהר געהאט א מוטער?" און יענער האט איהר געענטפערט קורץ און ציניש: „געדענק דאס מעהר נישט"...

נאך וואכען-לאנגען ארומלויפען איבער די קאנצעלארן און דעפארטאמענטען, נאך פיל בעטען און געוויינען איז זי לעצט צוגעלאזט געווארען צו איהר זוהן, און ווען זי האט א דערזעהן הינטער דער אייזערנער קראטע, האט זי אויסגעבראכען אין געוויין: „קינד מיינס, ווי זעהסטו אויס? וואס האבען ... מיט ... געמאכט"...

בעקאַנטמאַכונג.

די בעוואוסטע וואַר־שאָווער פירמע א. נ.
J. KRZYPOW
האָט ערעפענט -:- אין -:-
לאָדז, 16 בענעדיקטא 16

א מעבעל־לאַגער

קויפט און פערקויפט אַלערליי מעבעל, דיוואַנען, נײ־מאַשינען, ווי אויך גאַרדע־ראָבען, אַנטיקען און פעלצען. כ׳קויף פּיאַנינאָס, אין כ׳צאָהל די העכסטע פּרייזען קומט און איבערצייגט אייך
687



Miejski Kinematograf Cświatowy
Wodny Rynek.

היינט און פאָלג. טעג! פאַר דערוואַקסענע!
דראַמע אין 2 סעריעס 12 אַקטען
„דער גלאָקען־ציהער פון נאָטר־דאַם"
(Dzwonnik z Notre Dame)
מיט **Lon Chaney** אין דער הויפּטראָלע.
פאַר יוגענד:
אוימאַ!... טעמפּאַ!... טאָם!...
דראַמע אין 8 אַקטען פון לעבען פון אַמעריק. קאָוביאָיען

היילפּעדאַגאָגישע
קורסען
פאַר שוואַכבעפעהיגטע און שווערערציהבאַרע קינדער.
שפּראַכשטערונגען (שטאַמלען, טויבשטומהייט).

Dr. med. A. Szmirgeld
נערווען־אַרצט.
עלעקטריזאַציעס,
ליכטהייל־אַפּאַראַטען.
CEGIELNIANA 6, tel. 51-89
עמפּפאַנגט פון 5 — 7 אָווענד.

אכטונג אכטונג
ה"ה פריזערס!

העלניש וואַסער 4.25 זל. אַ קילאָ.
בלומעז־וואַסער 4.25 זל. אַ קילאָ.
וועזשעטאַל 3.50 זל. אַ קילאָ.
ראַזיר־זייף Pixin 7.80 זל. אַ קילאָ
אַלץ בעקומט איהר אַמביליגסטען נור אין דער
פּערפומעריע פון
י. דרוקער, זאַוואַדזקא 11

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27,
tel. 51-78
הויט און ווענערישע קראַנקה., רענטגען און ליכט־הייל אינסט.
נעמט אָן פון 4—7 אין אָווענד.

פערקויפט נישט אייערע דיוואַנעם
44 מעבעל 44
פעלצען, ניי־מאַשינען סאַמאָוואַרען א. אז. וו. בעפאָר איהר איבערצייגט אייך נישט ביי די פירמע
44 Ch. ŁAZNIK
נאַוואָליפּקי ... 44
גדאַנסקא (דלוגאַ)
בעמערקונג: ביי מיר איז שטענדיג אויף לאַגער פערשידענע
מעבעל, שיין גוט! און ביליג!!

Dr. med. Ludwik
Rapeport
Pr. Narutowicza 25
(Dzielna) tel. 44-10.
ספּעציאַליסט פאַר נירען, בלאָ־זען און האַרן־קראַנקהייטען.
נעמט אָן פון 1 ביז 2
און פון 4 ביז 7 אָווענד.

LEKRZ-ENTYSTA — צאָהן־אַרצט
M. KARABANOW
וואָסקאַדניאַ 31 (אין הויף) טעלעפאָן 59-09
היילט, פּלאָמבירט ציהט ציין גאַנץ אָהן שמערצען,
קינסטליכע ציין אָהנע גומען און רעפּעראַטורען
ווערען שנעל און ביליג אויסגעפיהרט.
נעהמט אָן פון 9 פריה ביז 8 אין אָווענד. 1195
לעטשניצע פּרייזען. בעראַטונג אומזאָנסט.

Dr. H. RAKOWSKI
האָט זיך איבערגעצויגן פון ... 25 אויף
... 8, טעל. 37-34.
701



פאַרוואָס?

זענען דאָ שעהנע ליפּען, וועלכע קיינער האָט נאָך קיינמאָל נישט געקושט...
זענען דאָ שעהנע פרויען, וועלכע מען מיידט אויס..
זענען דאָ ענערגישע מאַנספּערזאָנען, וועלכע האָבען נישט קיין ערפאָלג אין לעבען..

ווייל,

ווייל בענוצען נישט דאָס איינציגען ראַדיקאַלען מיטעל געגען דעם שלעכטען ריח פון מויל, וואָס נור זיי אַליין פיהלען איהם נישט און וועלכער מאַכט אויסערגעוועהנליך ניט אָנגענעהם דאָס דערנעהנטערן זיך צו זיי.

FERMENTINA

בעזייטיגט דעם העסליכען ריח פון מויל, פערהיט די ציין, שטאַרקט די יאַסלעס און מאַכט אָנגענעהם דעם אָטעם.
הויפּט־סקלאַד אין פּוילען: ROMAN WŁODARSKI, WARSZAWA, LUBIECKIEGO 5
בעקומען אין אַלע אַפּטייקען, אַפּטייק־סקלאַדען און פּערפומעריע־געשעפטען. פּרייז 2.75 זל. פאַר שטיק. ווען מ׳קריגט ... דאַרף מען זיך ווענדען צום הויפּט־סקלאַד אויף פּוילען. פאַר קונים פון דער פּראָווינץ ווערט אַרויסגעשיקט נאָכ׳ן קומען פּאָראָוס 3 זל. אָדער 3.50 אויף אַ נאָכנאַהמע. 1819
היט זיך פאַר פעלשונגען!

דאַנטיסט און צאָהנטעכניק
י. ביטענסקי
5 קאָנסטאַנטינער 5
נעהמט אָן אַלע טאָג פון 9 פריה ביז 8 אָווענד.
פּרייזען ביליגע! בעראַטונג אָהן געצאָהלט

LEKARZ-DENTYSTA צאָהן־אַרצט
St. GELBER
זאַכאַדניאַ 15, טעל. 31-08
אַנץ פערגאָלדעטע ציין אוּן מונד־קראַנקהייטען. צאָהן־... אָהן שמערצען, היילט מיט ליכט־בעשטראַהלונג, ספּעציע־... אַבאָראַטאָריום פון קינסטליכע ציין, נעהמט אָן פון 9—12 ... און פון 3—7 אַ זייגער אָווענד. ביליגע פּרייזען. 1481

„די שוואַרצע ריזאַנטעמע".

עקזאָטישער ראָמאַן.

פּלוצים איז דער דאָקטאָר אָנגעשפּרונגען, ווי אַן׳אָפּגע־...ער.

— וואָס איז מיט דיר? האָט געפרעגט דער קאָנסול.

דער דאָקטאָר האָט נעשפּאַנטערהייט געקוקט און אין איין ...ם — אין פנים פון אַ קליינער גיישע מיט ברענענדיגע שוואַר־אויגען.

— ווער איז די גיישע?

— דאָס איז דאָס מאַי־בלימעל.

— פון וואַנען איז זי?

— פון יאָשיוואַר, פון טאָקיאָ.

— ווי צוויי טראָפּענס וואַסער, אַזאַ ענליכקייט — האָט עפּטשעט דער דאָקטאָר מיט בלייכע ליפּען.

דער קאַפּיטען דיושאַר און וויקאָנט דאַריאַר האָבען שוין דעם ...סאָר כמעט פערגעסען, זיי זענען שוין געווען זעהען די גיישעס פון יענעם ווינקעל, וואו זיי האָבען זיך געפונען האָט שוין ...לונגען דאָס מעכטיגע געלעכטער פון די מענער און די זיל־...נע גלעקלעך — שטימעלעך פון די גיישעס.

— וואָס איז דאָ? האָט געפרעגט דער דאָקטאָר דעם קאָנסול.

— אַן׳איינפאַך יאַפּאַניש טיי־הייזעל, — האָט געענטפערט קאָנסול. דאָ וועסטו נאָך זעהען גאַנץ אינטערעסאַנטע זאַכען ...ס, וועלען מיר מאָרגען געהען זעהען, ווי די יאַפּאַנערינס ...ען זיך.

— וואָס? אונטערקוקען ווי פרויען באָדען זיך?

— ניין, דאָ דאַרף מען נישט אונטערקוקען, זיי טוען עס ...ערם ...

פּראָוויזירונג. אין טייך האָבען זיך געבאָדען די דאַמען אָהן באָדע קאָסטיומען, פערשטעהט זיך דאָס אין באָדע־קאָסטיום איז נאָך דאָ נישט אינגאַנצען איינגעבירגערט און צווישען די באָדענדע האָ־בען אַרומגעשווימען קליינע אימפּראָוויזירטע האָלץ־דעקלעך, ווי טישלעך, אויף וועלכער עס זענען געווען אָנגעשטעלט גאַנצע סערוויזען מיט טיי, ביסקוויטען, זיסקייטען און ליולקעס מיט טאַ־באַק. די דאַמען האָבען זיך געזאָמעלט אַרום די שווימענדע טיש־לעך און מען האָט זיך מכבד געווען, און מיין נישט, אַז דאָס זענען געווען דאַמען פון דער אונטערוועלט. דאָרט איז געווען די גרעפין יאַמאַסאַ, וועלכע האָט מיך אַריינגעבעטען אין וואַסער אַריין צום טישעל אויף טיי. און אַנדערע דאַמען פון דער גע־זעלשאַפט.

— עס איז אומגלויבלעך, איך שטעל מיר פאָר ווי צופרידען עס זענען פון אַזאַ פאָרשטעלונג די אייראָפּעאישע טוריסטען!

— נאָך אַ מין צופרידע, און בעמערק דערביי, אַז קיין שום יאַפּאַנערין וועט זיך נישט בעווייזען אויף אַ באַל אין אַ דעקאָלטירטע קלייד צו בעווייזען זיך אין אַ דעקאָלטע — ווערט גע־רעכענט פאַר זעהר אונאַנשטענדיג פאַר אַ פרוי. דאָס זענען מנהגים און זיטען!

וויקאָנט דאַריאַר איז צוגעקומען מיט אַ קליינער גיישע אויף די הענד, ווי מיט אַ קינד.

— זעהט נאָר ווי טייער דאָס חהלע איז! האָט ער זיך געווענדעט צום דאָקטאָר.

ביי דאַריאַרן אויף די הענד איז געזעסען דאָס „מאַי־בלומעלע".

דאָס „מאַי בלומעל" האָט עפּעס געזאָגט אויף יאַפּאַניש און דער דאָקטאָר איז ווידער בלאַס געוואָרען, דער קלאַנג פון דער שטימע, די אויסשפּראַכע פונקט, ווי כריזאַנטאַ.

דער קאָנסול האָט פאָרגעלעגט צו נעהמען מיט זיך די צוויי שעהנסטע גיישעס און צו פאָהרען מיט זיי אויף אַן׳אָווענד־ברויט אין רעסטאָראַן „פּטי־פּאַרין".

מען האָט בעצאָהלט פאַר׳ן מאַי־בלומעל און פאַר איהר ...ר שניי־צלע און אַלע האָבען זיך אַריינגעזעצט אין אַ ...ק איבער דער שאָסע צום רעסטאָראַן.

... האָט זיך געפונען אויף אַ בערגעל און צו דעם רעסטאָראַן האָט געפּהרט דער נייער נאַנגאַ־סאַקער בולוואַר, וועלכער האָט זיך געצויגען פון׳ם ברעג פון ים ביז צו דער שאָסע.

די קאָמפּאַניע איז אַריין אין דעם פּרעכטיגען אויפ׳ן דריי־טען שטאָק, וועלכער האָט זיך פערענדיגט מיט אַ זעלטען שענעם באַלקאָן בעצירט מיט בלומען.

— נאַנגאַסאַקי — האָט ערקלערט דער קאָנסול — איז די שטאָט פון זון, דאָ וועלען מיר אָפּוואַרטען דעם זונען־אויפגאַנג, וועלכער איז דאָ אַזוי שעהן, ווי אינערגעץ נישט, אַ חוץ דעם וועלען מיר פון דאַנען זעהן, באַלד ווי עס וועט נאָר ליכטיגער ווערען, די גאַנצע שטאָט, ווי אויף דער האַנד.

דער דאָקטאָר איז געזעסען צווישען די צוויי גיישעס, און האָט נישט געקענט צו זיך קומען, עס האָט איהם שרעקליך גע־פּייניגט, וואָס ער געפינט זיך דאָ, און וואָס עס געפינט זיך אַזאַ ענליכע צו כריזאַנטען גיישע, און וואָס עס ציהט איהם צו דער גיישע.

די צוויי גיישעס האָבען זיך גענומען צו זייער אַרבייט.

דאָס שניי־צלע האָט געשפּילט אויף אַ סאַמיזען (אַ מין גיטאַ־רע) דאָס מאַי בלימעל האָט אונטערגעזונגען מיט אַ שעהן זילבע־רען שטימעלע.

זיי האָבען געזונגען דאָס לידעל „אַ גיישע".

„די גיישע איז א בלימעלע
וואָס וואַקעלט זיך פון ווינטעלע,
דאָס האַרץ ביי איהר — א ליכטעלע
וואָס צינדט זיך פון דער ליבע אָן..."

דער דאָקטאָר האָט זיך צוגעהערט צום מאָטיוו און כאָטש ער האָט נישט פערשטאַנען קיין איין וואָרט פונ׳ם ליד, האָט ער דאָך פון דעם מ־ים, פון די אויגען אַרויסגעלעזט אַ פערבעהאַל־טענע ליידענשאַפט און דאָס האָט געווירקט אויף איהם ווי אַן עלעקטרישער שטראָם.

ווען די גיישע האָט געענדיגט איהר ליד און איז צוגעגאַנ־גען צו איהם און איהם אַרומגענומען ביים האַלדז, האָט ער זי מיט דער גאַנצער קראַפט צוגעדריקט צו זיך און ליידענשאַפט־ליך אַ קוש געגעבען.

(פאָרזעצונג קומט).

3
זונטאָג
א
ניסן תרפ"ז

אַפּריל
זון-אויפגאַנג 5.37
זון-אונטערגאַנג 5,50
לענג פון טאָג 12,13

פון דער וואָיעוואָדזשטווע

וואָס אינטערעסאַנטען דאַרפען וויסען.

(–) דער וואָיעוואָדע נעהמט אָן יע־דען דינסטאָג און דאָנערשטאָג פון 12 ביז 2 אַ זייגער. מ'דאַרף פריהער דעם בעזוך אָנמעלדען ביים פערזענליכען סעקרעטאַר.

דער וויצע וואָיעוואָדע און די נאַ־טשאַלניקעס פון די אָפּטיילונגען נעהמען אָן יעדען טאָג פון 11 ביז 1 און נישט היגע אינטערעסאַנטען פון 9 ביז 3.

די רעפערענטען נעהמען אָן אינטע־רעסאַנטען נאָר אויף דער רעקאָמענדי־רונג פון נאַטשאַלניק פון דער אָפּטיילונג.

די אינטערעסאַנטען דאַרפען אָנשריי־בען אויף אַ צעטעל זייערע נעמען און דעם ענין וועגען וועלכען זיי בעזוכען און דער דיזשורני גיט איבער דאָס צע־טעל דעם לייטער פון דער אָפּטיילונג, אין קענען אַריינקומען אין קאַבינעט, נאָר אויף דער אָנווייזונג פונם דינער.

וואָיעוואָדע אין וואַרשע

וועגען גרויסע עפענטליכע אַרבייטען.

(ס) דער וואָיעוואָדע יאַשטשאָלט איז אַרויסגעפאָהרען קיין וואַרשע, כדי אונ־טערצושטיצען זיין מעמאָריאַל וועגען אָנהויבען גרויסע עפענטליכע אַרבייטען אין לאָדז. דער פּלאַן פון וואָיעוואָדע זעהט פאָר אויפבויען 5 שול־בנינים, די אינסטיטוציע פון דער געזונדהייטס־אָפּטיילונג, פון דער אָפּטיילונג פאַר געזעלשאַפטליכער שוץ, דעם בנין פון סטאָרדט־ראָס, מאַגיסטראַט־בנין, ביי די היגע אַרבייטען וואָלטען געקענט בע־שעפטיגט ווערען 4500 אַרבייטער און דאַרפען קאָסטען 9 מיליאָן זלאָטים.

לופט־בריף.

בענייט די קאָמוניקאַציע.

(–) די לאָדזער פּאָסט־דירעקציע מעלדעט מיט, אַז פון 1. אָן האָט זיך בע־נייט די לופט־בריף־קאָמוניקאַציע.

וואַרשע, פּראָג, שטראַסבורג, פּאַריז; וואַרשע, פּראַג, ווין, בודאַפּעשט, בעל־גראַד, בוקאַרעשט, קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

פון לאָדז געהט די פּאָסט 9,50 אין דער פריה. די, וואָס ווילען אַרויס־שיקען זייערע בריף, דאַרפען זיי אויף דער פּאָסט צושטעלען פאַר דער אָנגע־צייכנעטער צייט.

אָפּצייכען

לטובת „בית־לחם".

דער לאָדזער יודישער הילף־פעראיין „בית־לחם" אָרדענט אָן היינטיגען דאָ־נערשטאָג אַן אָפּצייכען־טאָג לטובת דער געזעלשאַפט.

„בית לחם" ענטוויקעלט איצט אַ ברייטע הילף־אַקציע לטובת בכבוד'יג אָפּ־ריכטן אויף פסח און ס'איז כדאי צו שטיצען די אונטערנעהמונגען פון „בית לחם".

פון הויז־בעזיצער פעראיין פּיעטריקאָווער 46.

אַלע הויז־בעזיצער, מיטגלידער פון דער קרעדיט־געזעלשאַפט אין לאָדז, וועלכע האָבן אויסגעפאָדערט אָפּצונעהמען זייערע איינטריטס־קאַרטען צו דער אַל־געמיינער פערזאַמלונג פון דער קרעדיט־געזעלשאַפט, וואָס דאַרף פאָרקומען דעם אַפּריל ד. י. 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג. פערזאַמלונג וועט דעצידירען זעהר וויכטיגע פאָרשלאָגען. די קאַרטען זע־נען אָפּצונעהמען ביז מיטוואָך דעם 6. אַפּריל ד. י. 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

געהיימנישפול פערשוואונדען און געהיימניש־פול געפונען געוואָרען.

וואָס איז געשעהן מיט דעם 3 יעהריגען יוד שעו מיידעלע?

(–) פאָריגע וואָך האָבן מיר בווי־מאָל מיטגעטיילט וועגען דעם פער־שוואונדען פון דעם 3 יעהריגען מיידעלע רוזשע האָפּריכטער, וועמענס עלטערן ס'וואוינען אויף מלינאַרסקע 8.

לויט ווי מוטער פון דעם קינד האָט ערקלערט, איז דאָס קינד אַוועקגעקומען נאָך פאָריגען זונטאָג און ביז דאָנער־שטאָג האָט מען נישט געוואוסט וואו דאָס קינד איז אַהינגעקומען.

צוליב דעם, וואָס אין ערגיץ האָט מען נישט געהנט געזעהן דאָס פער־שוואונדענע קינד: נישט אין קיין שום קאָמיסאַריאַט, נישט אין קיין רעדאַקציע און נישט ביי קיין מורה־הוראה ווי עס פיהרט זיך געוועהנליך, ווען אַ קינד ווערט פערבלאָנדזשעט, — האָט די מעשה מיט דעם פערשוואונדענעם קינד אָנגע־נומען אַ געהיימנישפולען כאַראַקטער.

אין אַלט־שטאָט און אויף באַלוט האָט מען גערעדט וועגען דער געשיכטע. פערשידענע ווערסיעס האָט מען זיך אָנגערעצהלט פון אויער־צו־אויער, אָבער אויף די שפורען פון דעם פערשוואו־נדענעם קינד איז מען אַלץ נישט גע־האָט געפאַלען.

אין די קרייזען, וועלכע שטעהען נאָהנט צו דער פאַמיליע האָפּריכטער האָט מען, למשל, אָנגעוויזען דערויף, אַז אין דעם טאָג, ווען דאָס קינד האָט לויט די ערקלערונגען פון די עלטערן, געזאָלט פערשוואונדען ווערען, האָט מען דאָס קינד בכלל נישט געזעהן, אַז אין דעם זעלבען אָוענד, זונטאָג אויף דער נאַכט, ווען דאָס קינד איז שוין נישט געווען אין שטוב, זאָל מען זיך ביי האָפּריכטערן האָבען געוויילט, גע־וועזן געסט און עס זאָל האָבען אפילו געשפּילט אַ פּאַטעפאָן. דאָס האָט אַרויס־גערופען אַ פערוואונדערונג.

מיט דעם ענין פון געהיימנישפולען פערשוואונדענעם קינד האָט זיך אויך פעראינטערעסירט די פּאָליציי, אויסגע־פאָרשט די עלטערן און צוליב די פער־שידענע חשדים, האָט עס אויך בעהאַל־טען דערביי, אַז די עלטערן זאָלען אַרעסטירט ווערען.

פלוצלינג האָט זיך דאָס קינד פריי־טאָג אָנגעפונען. אַזוי געהיימניספול ווי דאָס קינד איז פערשוואונדען געוואָרען, אַזוי געהיימניספול איז עס געפונען גע־וואָרען.

נעכטען איז אונזער מיטאַרבייטער געווען ביי דער פאַמיליע האָפּריכטער, כדי זיך צו דערוויסען פרטים, ווי־אַזוי דאָס קינד איז געפונען געוואָרען.

די מוטער פון קינד גיט איבער אָט־וואָס: יעדען טאָג האָט זי מיט איהר מאַן געזוכט דאָס קינד אין אַלע גאַסען. יעדען איינעם פערביינעהער געפרעגט וועגען דעם קינד. דאָנערשטאָג זאָל די מוטער האָבען צופעליג געטראָפען אויף אַגראָדאָווע גאַס אַ קריסט, וועלכער האָט איהר בעזאָגט, אַז יעדען טאָג פיהרט אַ קריסטליך מיידעל דורך דער אַגראַדאָ־ווע גאַס אַ קינד.

פרייטאָג אין דערפריה, דערצעהלט ווייטער פרוי האָפּריכטער, איז זי גע־גאַנגען אַהין אויף אַגראָדאָווע גאַס און טאַקי געטראָפען אַ קריסטליך מיידעל פיהרענדיג דאָס קינד.

— „איך האָב שנעל געכאַפּט מיין קינד און גלייך אַרויף מעלדען אין 3־טען קאָמיסאַריאַט," — פערענדיגט דע־היינ די מוטער.

אויף אונזער פראַגע וואו און ביי וועמען דאָס קינד איז געווען, גיט פרוי האָפּריכטער נישט קיין שום ענטפער. זי זאָגט, אַז זי האָט זיך אַזוי איבערגעשט פון דעם געפונענעם קינד, אַז זי האָט זיך אַפילו נישט געוואָלט פרעגען ווער, וואָס און ווען.

אין באַלוט שמועסט מען אָבער ווייטער פערשידענעס און מ'דערצעהלט גייע ווערסיעס אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן געפונענעם קינד.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, איז דער ענין מיט'ן געהיימנישפולען פערשוואונ־דען און מיט'ן נאָך מעהר געהיימניש־פולען אָנגעפונען דאָס קינד, — דאָס איצטיגע געשפרעך פון טאָג אין באַלוט און אַלט־שטאָט.

„פּרימאַ אַפּרילים"

אונזערע פּריימאַנ'דיגע ב־ף־ידיעות...

פרייטאָג איז, כידוע, געווען דער ערשטער אַפּריל. דער ערשטער אַפּריל איז אפילו נישט קיין ריין־יודישער „יום־טוב". אָבער אַז ס'מאַכט זיך אַ טאָג, ווען מ'מעג פראַנק־און־פריי חוזק'ן, אַ שפּאַס־טון און זאָגען בפרהסיה אַ שקר'ל־— טאַ פאַרוואָס זאָלען מיר אָפּשטעהן פון די אומות־העולם?

האָבען מיר אין אונזער פרייטאָג'די־גען נומער אָפּגעדרוקט 3 אַ וועלכע „ידיעה'לעך". די ערשטע איז געווען, אַז „די אינדוסטריעלער גיבען־נאָך די אַר־בייטער די גאַנצע 25 פּראָצענט". דאָס איז אפילו נאָך מעהר, ווי אַן אַפּריל־וויץ, ווייל אויף אַזאַ „זשעסט" וואָלטען זיך אונזערע פאַבריקאַנטען אפילו דעם 1. אַפּריל נישט דערוועגט.

די צווייטע ידיעה — אַז „אונזער ספּאָרט־בעריכט־געבער פאָהרט אַרויס אויף אַ ראַוועד קיין כינאַ". דאָס איז געווען אַ רמז אויף געוויסע יודישע צייטונגען, וועלכע שיקען „ספּעציעלע קאָרעספּאָנ־דענטען" אפילו הינטער די הרי־חושך...

די דריטע ידיעה איז געווען, אַז „דער פּרעזעס פון דער לאָדזער קהלה ה' בנימין רוס איז געוואָרען אַ „בונדיסט". דאָס איז שוין גראָד נישט אַזוי שרעק־ליך: אַן אונפאָרמייאישער איז ער דאָך סיי־ווי. דאַרף ער דאָך נאָר פאַר זיך אויסקלויבען אַ וואָסער ס'איז פּאַרטיי.

אויך די אַנדערע צייטונגען האָבען געמאַכט „פּרימאַ־אַפּרילים'ן". אַזוי, למשל, האָט אַ לאָדזער פּוילישע צייטונג בעגעבען אַן'אַנאָנס, אַז דער זשורנאַליסט ווייס קויפט ביי זיך אין וואוינונג (סקווע־ראָווע 6) קעץ און צאָהלט צו 5 און 3 זלאָטעס פאַר אַ שטיק. דער זשורנאַליסט האָט נעבעך געהאַט אָפּגעשניטענע יאָה־רען: מ'האָט איהם אַ גאַנצען טאָג גע־האַלטען אין איין טראָגען קעץ צו פער־קויפען...

אַ קראָקאָווער צייטונג האָט מודיע־געווען איהרע לעזער, אַז... מוסאָליני קומט צופאָהרען. האָט זיך אַ גאַאיווער עולם פערזאַמעלט פאַר'ן וואָקזאַל און געוואַרט אויף דעם אמת'ן פאַשיסט.

מ'האָט אויך אין פרייטאָג'דיגען טאָג אָפּגענאַרט כתם־אַזוי־ זיך איינער דעם אַנדערן, מאיש־לרעיהו...

מיט איין וואָרט — „פּרימאַ־אַפּרילים" איז געווען אַ יום טוב פּרימאַ־סאָרט.

2 פּראָצ. שטראָף

פאַר פערלעגענע שטייערן.

(מ) נעכטען האָט דער מאַגיסטראַט בעקומען אַ קאָמוניקאַט פון פינאַנץ־מי־ניסטעריום, אַז דאָס מיניסטעריום האָט בעשלאָסען ביז צום אָברופען ווייטער צו נעהמען שטראָפען פאַר די פערלע־גענע שטייערן — 2 פּראָצענט אַ חודש.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, האָט דער מאַגיסטראַט בעשלאָסען אויך פאַר אַלע פערלעגענע קאָמונאַלע שטייערן צו רעכענען שטראָף־צינזען בלויז 2 פּראָ־צענט אַ חודש.

א פּאָליטישער אַרעסטירטער

איז ענטלאָפען פון טורמע.

(פ) נעכטען ביינאַכט איז פון דער טורמע אויף גדאַנסקאַ־גאַס ענטלאָפען דער פּאָליטישער אַרעסטירטער אַדאָלף מאַן. מאַן האָט געהאַט אָבצוזיצען אַן אורטייל פון 3 יאָהר און ביז צום בע־פרייען איז איהם געבליבען נאָך צוויי חדשים. ער האָט ביינאַכט אויסגעבראָ־כען די קראַטעס פון פענסטער אויפ'ן ערשטען שטאָק, זיך אַרויסגעכאַפּט אויפ'ן דאַך און פון דאָרט זיך אַריינבעקומען אין אַ שכנ'ישער הויז פון וואַנען ער איז נעלם געוואָרען. זיין ענטלויפען האָט מען בעמערקט ערשט אינדערפריה.

די פּאָליציי האָט ביז איצט נאָך נישט געכאַפּט דעם ענטלאָפענעם.

שווינגער בעגעהט זעלבסטמאָרד, ווייל דער איידעם האָט זי געפּייניגט.

51 יעהריגע קריסטען שנײַדט זיך איבער דעם האַלז מיט אַ ראַזיר־מעסער.

(–) פרייטאָג פאַרטאָג אַרום 6 אַ זיי־גער, איז אויף ווינער־גאַס 17 בעגאַנ־גען זעלבסטמאָרד, דורך איבערשניידען זיך דעם האַלז מיט אַ ראַזיר־מעסער, די 51 יעהריגע קאַראָלינאַ שיעדלעצקאַ.

די זעלבסטמערדערין האָט מיט עט־ליכע חדשים צוריק חתונה־געמאַכט איהר טאָכטער פאַר אַ געוויסען וולאַדיסלאַוו מאַרטשינסקאָווסקי.

דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט זיך אַריינ־געצויגען צו דער שווינגער אין דער וואוינונג און דאָרט געוואוינט און — געקריגט זיך.

צוליב דעם, וואָס די שווינגער איז שטענדיג געווען אויף דער זייט פון איהר טאָכטער, האָט מאַרטשינסקאָווסקי אָפּט געדראָהט דער שווינגער, אַז ער וועט זי אַרויסוואַרפען און אָפּט־מאָל האָט ער זי געשלאָגען מכות־רצח.

די שווינגער האָט נישט בעקענט אַרי־בערטראָגען די ליידען און זי האָט בע־שלאָסען צו בעגעהן זעלבסטמאָרד.

פרייטאָג אין דערפריה, ווען מאַר־טשינקאָווסקי איז אַוועק צו דער אַר־בייט און זיין פרוי איז געגאַנגען איינ־קויפען אויף מיטאָג, האָט שיעדלעצקאַ אַ־רויסגענומען פון שאַנק דעם איידעם'ס ראַזיר־מעסער און זיך דורכגעשניטען דעם האַלז.

ווען די טאָכטער איז אַרויסגעקומען אין שטוב, האָט זי געטראָפען ליגען די מוטער אויף דער ערד אין אַ קאַלוזשע בלוט.

די אַרויסגערופענע פּאָגאָטאָוויע האָט די זעלבסטמערדערין אין אַ האָפענונגס־לאָזען צושטאַנד אָפּגעפיהרט אין שפּי־טאָל. די לעצטע ווערטער פון דער שיעדלעצקאַ זענען געווען, אַז זי האָט מעהר נישט בעקענט אַריבערטראָגען די ליידען און די צרות, וועלכע זי האָט געהאַט אויסצושטעהן פון איהר איי־דעם און זי וויל מעהר נישט לעבען.

ווען מאַרטשינסקאָווסקי איז געקומען פון דער אַרבייט, האָבען זיך אויף איהם געוואָרפען די שכנים און געשריגען, אַז ער איז דער מאָראַלישער מערדער פון דער אַלטער שיעדלעצקאַ.

פּאָליציי פיהרט אַן'אויספאָרשונג.

גנבים האָבען זיך פערמאָסטען אויף פּאַלאַצען.

גנבות ביי טעאָדאָר קעניג, טעאָדאָר שטייגערט און שייבלער.

(ש) די פערגאַנגענע נאַכט האָבען וויזוט אויס די גנבים אין אונזער שטאָט בעשלאָסען צו מאַכען וויזיטען אין די פּאַלאַצען פון די היגע גרויס־אינדו־סטריעלער.

אַזוי האָבען זיי זיך אַריינגעקריגען אין פּאַלאַץ פון טעאָדאָר קעניג אויף פּאַביאַניצער שאָסע 45, זיי זענען אַריין אין קאַבינעט פון אינדוסטריעלער, איינגעפּאַקט טייערע חפצים אין צוויי זעק און זיך מיטגענומען אַ טייערען דיוואַן.

ביים אַרויסלויפען פון שטוב האָבען די גנבים פערשטעלט דעם טיש און ס'איז אַראָפּגעפאַלען די לאָמפּ. דערויף האָבען זיך אויפגעכאַפּט די שטוב־מענ־שען, וועלכע האָבען פערפאָלגט די ענטלויפענדע גנבים. איינעם פון זיי איז געלונגען צו כאַפּען.

*

(ש) אין דער זעלבער צייט האָבען זיך אויף דעם זעלבען אויפ'ן אַריינגע־קריגען גנבים אין פּאַלאַץ פון טעאָדאָר שטייגערט אויף וואָלטשאַנסקי 188.

די גנבים איז געלונגען צוצונעהמען אַ גאַנצע רייה טייערע חפצים.

די פּאָליציי האָט פעסטגעשטעלט, אַז איבערהויפּט האָט „געאַרבייט" איינע און די זעלבע באַנדע.

*

(ש) נעכטען פאַרטאָגס, בעת דער מאַגאַזינער פון שייבלער און גראָהמאַן איז געקומען אין די לאַגערן פון דער פירמע אויף פּאַרגאַנאָווע 24, האָט ער בע־מערקט, אַז אין סחורות לאַגער הערשט אַ אומאָרדנונג און פון דערווייטענס האָט ער בעמערקט, אַז די מויער איז אויס־געבראָכען.

פערשטעהנדיג, אַז ס'איז אויסגעפיהרט געוואָרען אַ איינברוך'ס גנבה, האָט דער מאַגאַזינער תיכף גערופען פּאָליציי, וועל־כע האָט פעסטגעשטעלט אַ גנבה און אַז די גנבים האָבען זיך אַריינגעקריגען אין לאַגער דורכ'ן פּאַרקען פון גאַס, אויפגעבראָכען די מויער, און אַרויס־געגנבעט 69 שטיק סחורה און נעלם גע־וואָרען.

די פּאָליציי האָט שפּעטער זיך דער־וואוסט, אַז די גנבים האָבען די סחורה אָבגעפיהרט אין אַ „מעלינע" אויף אַלעק סאַנדריסקאַ גאַס. קומענדיג אַהין האָט פּאָליציי בעטראָפען אַ דראָזשקע, וועלכע איז געווען אָנגעלאָדען מיט ווייסע סחורות און ס'זענען מיטגעפאָהרען 4 פערזאָן.

ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די סחורה שטאַמט פון דער גנבה. די 4 פערזאָן זענען אַרעסטירט געוואָרען. איינער פון זיי איז אַ געפעהרליכער באַנדיט און איז ערשט נישט לאַנג בע־פרייט געוואָרען פון טורמע אָבזיצענדיג 10 יאָהר פאַר 2 רויב־אָנפאַלען.

Dr PRYBULSKI
זאַחאָדניאַ 1, טעלעפאָן 25-38
ווענערישע און האָר - הויט - קראַנקהייטען, מענער־שוואַכע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ־ליכט (האָר־אויספאַל), רענטגען־שטראַהלען.
נעמט אָן פון 9—1 און פון 4—8 אָוונד,
דאַמען: פון 4—5 נאָכמ.

„Guttalin"
שוה־פּאַסטע
בעסטע קוואַליטעט, ווי פאַר דער מלחמה.
Warszawa, Leszno 73 tel. 174-34

אבכלאנגען פון די אונרוהען אין שייבלער און גראהמאנ׳ס פאבריקען.

עטליכע ארבייטער פער׳משפט צו פערשידענע טערמינען טורמע.

(–) אין לאָדזער קרייז-געריכט איז פאָרגעקומען דער פראָצעס געגען עטליכע אַרבייטער, וועלכע זענען געווען בעשולדיגט, אַז דעם 21. פעברואַר 1925 האָבען זיי אָנגעפיהרט מיט אַן׳אוּואָנטוּרע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין שייבלער׳ס און גראָהמאַנ׳ס פאַבריקען, בעת מ׳האָט דאָרט איינגעפיהרט נייע אַרבייטס בעדינגונגען און דערינבער פריהער געקינדיגט אַלע אַרבייטער אין אַ צאָהל פון 3,500.

דעמאָלט, ווען מ׳האָט אַלע אַרבייטער געקינדיגט, האָבען די אַרבייטער געהאַלטען פאַר דעם הויפּט-שולדיגען דעם פאַבריקס דירעקטאָר קאָקיעלי. אין יענעם טאָג האָבען זיך פאַר דער פאַבריקס געביידע פערזאַמעלט אַנ׳ערך 2 טויזענד אַרבייטער און פערשפאַרענדיג דעם דירעקטאָר אין אַ צימער, האָבען זיי פון איהם פערלאַנגט, ער זאָל צוריקציהען די קינדיגונג.

די פאָליציי האָט דאַן אַרעסטירט עטליכע אַרבייטער, אַלס הויפּט-שולדיגע אין דער אַוואַנטורע.

דאָס קרייז-געריכט האָט אַרויסגעטראָגען אַ פסק, לויט וועלכען ס׳זענען פער׳משפט געוואָרען: בראָניסלאַוו באַרלאַגאַ אויף 4 חדשים טורמע; סטאַניסלאַוו ווישניעווסקי – 3 חדשים; סטאַניסלאַוו באַידאַ – 2 חדשים; סט. פּוּקאָס – 1 חודש; סטעפאַניע שטשעטשינסקאַ – 2 וואָכען אַרעסט.

אפצאהל פאר אויסלענדישע פעסער.

אפיציעלער קאמוניקאט.

אין „דזשענניק אוסטאַוו" איז פערעפענטליכט געוואָרען אַ פעראָרדנונג פון פינאַנץ- און אינערן-מיניסטער וועגען אָפּצאָהל פאַר אויסלענדישע פעסער.

דער גרונד אָפּצאָהל ווערט אויך ווייטער פעסטגעשטעלט אויף 500 זל. אַנ׳ערלויבניש אוּיפ׳ן צווייטען אַרויספאָהר 500 זל. פילמאָהליגער אויסלענדישער פּאַס 1.500 זל. הנחה-פּאַס פאַר האַנדעלס-צוועקען- 25 זל. ספּעציעלע הנחה-פּעסער- 20 זל. פילמאָהליגער הנחה-פּאַס –150 זל.

די הנחה-פּעסער פאַר 25 זל. און אַ פילמאָהליגער פאַר 150 זל. קענען אַרויסגעגעבען ווערען דורך דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט פון דער ערשטער אינסטאַנץ פאַר די פּערזאָנען, וואָס פאָהרען אין האַנדעלס- און אינדוסטריע-אַנגעלעגענהייטען, אויב זיי שטעלען צו יעדעס מאָל אַ בעשייניגונג פון דער אינדוסטרי-אָפּטיילונג ביי דער וואָיעוואָדזשאַפט אין דער פעסטשטעלונג מיט דער פינאַנץ-מאַכט.

אויף צו דערהאַלטען אַ הנחה פּאַס פאַר 20 זל. איז נויטיג: 1) אַ בעשייניגונג פון בילדונגס-מיניסטעריום, אַז דער אַרויספאָהר איז נויטיג צוליב שטודירען, אָדער צו פיהרען וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען; 2) אויף צו היילען זיך, (צוזאַמענשטעלענדיג אַנ׳אַרימקייט צייגניש); 3) ביים בעגלייטען אַנ׳אומבעמיטעלטען קראַנקען; 4) אויף אָנטיילצונעהמען אין אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָהרען און 5) אָנטיילנעהמער אין רעגירונגס אָדער קאָמונאַלע דעלעגאַציעס.

ס׳ווערט נאָך פאָראויסגעזעהן, אַז אין פאַלען, וואָס זענען דאָ נישט אויסגערעכענט, קען אַ הנחה פּאַס אַרויסגעגעבען ווערען לויט אַ דעצידיע פון אינערן-מיניסטעריום נאָך אַ פערשטענדיגונג מיט׳ן פינאַנץ-מיניסטעריום.

מלוכה-פרעזידענט מאשטשיצקי און מארשאל פילסודסקי

וועלען דעם 15. מאי זיין אין לאדז.

(–) דעם 15. מאַי, ה. י. קומט פאָר אין לאָדז אַ פייערונג צוליב׳ן איינוויי־הען פון אַ נייעם מאָהן פאַר׳ן לאָדזער 28. שיסער-פולק.

די לעצטע טעג זענען פאָרגעקומען איינינע זיצונגען פון דעם אָרגאַניזיר-קאָמיטעט, אין וועלכען ס׳געהען אַריין פאָרשטעהער פון דער לאָדזער שטאָטישער,-רעגירונגס- און מיליטער-מאַכט.

אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע פאָהרט אַרויס קיין וואַרשאָ, כדי צו פערבעטען צו דער פייערונג דעם פּרעמיער מאַרשאַל פּילסודסקי און דעם מלוכה פּרעזידענט מאָשטשיצקי.

אלאדזער ייד געהאנגען אין ווארשא

פרייטאָג איז אין וואַרשאָ בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דער דירעקטאָר פון לאָדזער האַנדעלס-אינדוסטרי-באַנק ה׳ מעטשיסלאַוו קאָהן.

ה׳ קאָהן וועלכער איז שוין זייט אַ לענגערע צייט געוועזן-קראַנק איז געקומען קיין וואַרשאָ מיט 8 טאָג צוריק, ער האָט זיך געזאָלט היילען ביי איינעם פון די אָנגעזעהענסטע בערווען-דאָקטוירים. ער האָט זיך אויפגעהאַלטען ביי זיין שוואָגער איגנאַץ. פיינבערג, (לעשנאָ 73).

פרייטאָג פריה האָט ער גענומען אַ וואַנע, ווען ער איז אַ לענגערע צייט נישט אַרויס פון באָד-צימער, האָט די פרוי אַריינגעקוקט אַהין און דערזעהן העגען איהר מאַן אויף אַ האַנטוך, וואָס איז געווען צוגעבונדען צו אַ גאַז-רעהר. מ׳האָט באַלד אַרויסגערופען די פּאָגאָטאָוויע, אָבער דער דאָקטאָר האָט נאָר קאָנסטאַטירט דער טויט.

די געשעהעניש האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין די סוחרישע און פינאַנציעלע קרייזען. דער קערפּער פון זעלבסט-מערדער איז געבראַכט געוואָרען קיין לאָדז.

כשר לפסח

KUNEROL

איז נאַטירליכער ריינער שפייז-פעטס קאָקאָס-ניס

— פון —

פרייז אויסגעאַרבייט אונטער דער השגחה פון הרב ר׳ שמואל עהרענפעלד פון מאַטערסבורג מיט׳ן הסכם פון הרב ר׳ אברהם צבי פערלמוטטער אין ווארשא.

פאר׳ן קליינהאנדעל.

די „אורבין-שפּיל" האָט אַרויסגערופען אַ בעגייסטערונג ביים קליינהאַנדעל. ס׳זענען שוין פערטיילט געוואָרען צעהנדליגער טויזענדער עקזעמפּלאַרען פון׳ם דאָזיגען שפּיל, אַלס פּרעמיע צו דער בעוואוסטער שוה פּאַסטע „אורבין". די אומזיסטע פּרעמיע וועט נאָך אויסגעגעבען ווערען צו דער פּאַסטע ביז׳ן 15. ה. ח.

בריף-דעפעשען

קיין טשעכאסלאוואקיען.

(–) דער פּאָסט-אַמט האָט אָנגעהויבען אָנגעהמען בריף-דעפּעשען קיין טשעכאָסלאָוואַקיען. דער אָפּצאָהל בעטרעפט 50 פּראָצענט פון געוועהנליכען טאַריף ד. ה. 9 און האַלב סענטים פאַר אַ וואָרט. דער מינימום פאַר אַ דעפּעשע בעטרעפט 1 פראַנק מיט 90 סאַנטים.

אונגארישע סוחרים.

(פ) קיין לאָדז איז אָנגעקומען אַ דעלעגאַציע פון אונגאַרישע סוחרים. אין דער דעלעגאַציע געפינט זיך דער פאָרזיצער פון דער בודאַפּעשטער האַנדעלס-קאַמער.

די דעלעגאַציע וועט בעזוכען לאָנגהאַרדס פאַבריק, מיט וועלכער זיי שטעהען זייט איינינע חדשים אין קאָנטאַקט. די דעלעגאַציע וועט בעזוכען אויך אַ רייה אַנדערע פאַבריקען.

אין די אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען.

(§) היינט דיזשורירען די פאָלגענדע אַפּטייקען: די יורשים פון חאַיטשיצקי (נאַפּיורקאָווסקי 27); וו. דאַנילעצקי (פּיעטריקאָווער 127); פ. אילניצקי און י. צימער (וואָלטשאַנסקא 37); די יורשים פון לייבנזעבער (פרייהייטס-פּלאַץ 2); יורשים פון י. האַרטמאַן (מלינאַרסקא 1); און י. קאַהאַנע (אַלעקסאַנדראָווסקא 80).

נייע 5 זלאטע׳דיגע אין אומלויף

(אַז) די היגע אָפּטיילונג פון דער באַנק פּאָלסקי האָט אָנגעהויבען אויסצאָהלען מיט די נייע 5 זלאָטי באַנקנאָטען. די נייע 5 זלאָטי-שטיק זענען אויף ביידע זייטען פון אַ גרין-ברוינע פאַרב.

Dr.-med. H. LUBICZ

צעגעלניאַנא 43, טעל. 41-32

[illegible]

טעגליך פון 8—10 און פון 5—8 אָוונט

טעאטער „סקאלא", צעגעלניאנא 18.

פרייטאָג, דעם 8. אַפּריל ד. י., אָנפאַנג 9 אין אָוונט קומט פאָר דער 25- עהריגער יובילעאום פון ווילנער לאָדזער יוד. סופליער שמואל ליודנער

ס׳ווערט געשפּילט די נייעסטע קאָמישע אָפּערעטע אין 3 אַקטען פון סיגאַל, וועלכע איז געגאַנגען אין אַמעריקע איבער 2 סעזאָנען

דער סעזאן פון ליבע

אויף דעם אָוונט איז ספּעציעל איינגעלאַדען געוואָרען די גוט-בעקאַנטע סוברעטין אין לאָדז, וועלכע האָט געשפּילט אויף דער פּוילישער בינה — שפּילט די הויפּט-ראָלע. אידא ערוועסט

צום שלוס: אַ גראַנדיעזער דיוועטיסמענט מיט׳ן אָנטייל פון אידא ערוועסט וועלכע פיהרט אויס די נייעסטע פּוילישע און יודישע קופּלעטען, זי אויך וועט זינגען דאָס 10-יעהריגע וואונדער-קינד מאַליע ליודנער, וועלכע האָט געשפּילט מיט יודיום אַדלער׳ן וואָס געוועזן, איז געווען פון „בלינדען מאַלער". די נייעסטע טענץ, אויסגעפ. פון בעקאַנטען טענצער לייבאָוויטש. בילעטען שוין צו בעקומען אין טעאטער „סקאלא"

1918 אין לך אדם שאין לו שעה!

גליקליך

קאָן יעדער ווערען, קויפענדיג אַ לאָס 1-טע קלאַס 15-טער מלוכה לאָטעריע אין דער גרעסטער און גליקליכסטער קאָלעקטור אויף דער לאָדז. וואָיעוואָדזשאַפט

S. JATKA Piotrkowska 22, tel. 41-74 (Skrz. p. 47.
Piotrkowska 66, tel. 20-90 (P.K.O 63910

איילט צום גליק! אין קורצען קומט שוין פאַר די ציהונג!

טעקסטיל-ארבייטער פראטעסטירן

נעגען פסק פון ארביטראזש - קאמיסיע.

(פ) נעכטען איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער צווישען-פּעראיינס-קאָמיסיע פון די טעקסטיל-אַרבייטער. ס׳איז פאָרגעקומען אַ לענגערער וכוח בעת וועלכען ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז די אַרביטראַזש-קאָמיסיע האָט נישט אַרומגענומען די אָנגעשטעלטע, מייסטערס און די פערקעהר-דינסט, (קעסעל-הייצער, מאַשיניסטען א. א. ח.) און האָט זיי אינגאַנצען אויסגעליווערט אויפ׳ן חסד פון די אינדוסטריעלער.

ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען זיך צו ווענדען מיט אַ פּראָטעסט נעגען די בעשלוסען פון דער אַרביטראַזש-קאָמיסיע צום וויצע-פּרעמיער באַרטעל, אַרבייטס-מיניסטער יורקעוויטש און צום הויפּט-אַרבייטס-מינסטער קלאָט.

(§) ווי מיר דערוויסען זיך, זענען די אינדוסטריעלער גרייט צו געבען די אָנגעשטעלטע אין דער טעקסטיל-אינדוסטרי 25 פּראָצענט הוספה, רעכענענדיג אַלס גרונד די לוינען, וועלכע זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען דעם 1 יאַנואַר 1924 י. צוליב דעם אָבער, וואָס זיי מיידען דערביי אוים די מייסטער׳ס, וועט דער פאָרשלאַג אָנטרעפען אויף ווידערשטאַנד מצד די פעראיינען.

פאליטישער ארעסט.

(§) אַגענטען פון דער פּאָליטישער פּאָליציי האָבען אויף דער גלובנא גאַס פערהאַלטען אַ געוויסען קאַזימיערוש טשיכאָווסקי, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, אַ יודיש היטעל און געהאַט אַ לאַנגע באָרד.

אין אויספאָרשונגס אַמט זאָל זיך האָבען אַרויסגעוויזען, אַז דער דאָזיגער טשיכאָווסקי איז אַ בעקאַנטער קאָמוניסט וועלכער איז מיט אַ צייט צוריק אין לעמבערג פערמשפט געוואָרען אויף [illegible] יאָהר טורמע בעת דעם שוו.-יור-פּראָצעס און אָפּזיצענדיג די שטראָף, זאָל ער האָבען אַנטלאָפען קיין רוסלאַנד און פערנומען אַ הויכען פּאָסטען.

דער אַרעסטירטער איז אַלט 40 יאָהר

נענומען אין אכט די אימפארט-פאס טולאטען פון די לאדזער סוחרים

(ס) נעכטען זענען צוריקגעקומען פון וואַרשא די פאָרשטעהער פון די סוחרים-פעראיינען, וועלכע האָבען אָנטייל גענומען אין דער קאָנפערענץ פון פינאַנץ-ראַט וועגען דעם קאָנטינגענט אויסלענדישע טעקסטיל-סחורות, וואָס וועלען קענען געבראַכט ווערען קיין לאָדז אין די נאָהענטסטע 3 חדשים. די פּאָסטולאַטען פון די לאָדזער אימפּאָרטערען זענען אויף דער דערמאָהנטער קאָנפערענץ בעריקזיכטיגט געוואָרען, בעזונדערס וועגען אַריינפיהרען פון שווייץ און פראַנקרייך—אויסלענדישע זומער-סחורות.

ראדאשיצער רבי פאהרט היינט אפ פון לאדז.

(–) פרייטאָג-צונאַכט און נעכטען שבת האָט דער ראַדאָשיצער רבי ר׳ ישראל-יוסף געפיהרט „טיש" ביי זיין חסיד ה׳ ליס אויף וסכאָדניאַ 6.

אויף יענעם הויף האָבען זיך פערזאַמעלט הונדערטער מענשען, וועלכע האָבען געוואָלט אַריינקומען צום רבי׳ן. פרייטאָג-צונאַכט האָט דער רבי געזאָגט תורה עטליכע שעה.

נעכטען אין אָוונט זענען ווידער געקומען עטליכע הונדערט חסידים, וועלכע האָבען דערלאַנגט דעם רבי׳ן „קוויטלעך" דאָס געדראַנגט איז געווען אַזוי גרויס, אַז פּאָליציי האָט געמוזט אינטערווענירען.

אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגען דער פאַל, וואָס אַ פּאָליציאַנט האָט זיך אין גרויסען געדראַנג אויך געפּאַקט צום רבי׳ן און געבעטען, אַז דער רבי זאָל איהם אָנווינשען.

היינט, זונטאָג, 4 נאָכמיטאָג פאָהרט דער רבי אָפּ אין אַנ׳אויטאָ נאָך ראַדאָשיץ אין דער בעגלייטונג פון עטליכע זיינע מקורבים.

די חסידים פערלאַנגען פון רבי׳ן ער זאָל נאָך פסח קומען קיין לאָדז און דאָ בעזוכען.

נפטר-געווארען דער סטריקאווער רב

נעכטען איז אין סטריקאָוו נפטר געוואָרען אין עלטער פון 84 יאָהר דער סטריקאָווער רב הרה״ג דוב בער ראָזענבערג.

דער נפטר איז געווען זעהר בעליבט ביי דער אָרטיגער בעפעלקערונג אין סטריקאָוו, וואו ער האָט געפיהרט דאָס רבנות אין משך פון 56 יאָהר.

דער נפטר געוואָרענער רב האָט אין די יונגע יאָהרען געלערנט אין אַ ריי לאָדזער ישיבות און מ׳האָט איהם גערופען מיט׳ן נאָמען „דער לאָדזער עלוי".

ער האָט געהערט צו די עלטסטע רבנים אין פּוילען. די לויה קומט היינט פאָר אין סטריקאָוו.

פון געריכטס-זאַל.

בעהאַלטען אַ „פאָרד"ל".

(אַ״ן) דאָס לאָדזער קרייז געריכט האָט נעכטען בעטראַכט דעם פּראָצעס געגען דעם פאַבריקאַנט פון רידזאַ-פאַביאַניץ ראָבערט פוּפאַלאַ, וועלכער איז געווען בעשולדיגט, אַז ער האָט בעהאַלטען זיין אויטאָמאָביל פון דער מאַרקע „פאָרד", וועלכער האָט דורכ'ן קאָמאָרניק געדאַרפט סעקוועסטרירט ווערען פאַר שטייער'ן, וועלכע פוּפאַלאַ איז שולדיג.

דאָס געריכט האָט פוּפאַלאַ'ן פערמשפּט אויף 3 חדשים טורמע.

אַכטזעהנט וואָכן פֿאַר אַ פֿאַרזעצטע וואַלאַ

אַכשערמע איז איהרע „הלי-ענטהעס" פער'משפּט פאַר אַבאָרטען.

(–) דאָס לאָדזער קרייז-געריכט האָט בעטראַכט דעם פּראָצעס געגען דער 35-יעהריגער אַקושערקע סטאַניסלאַווא יאַניקאָווסקאַ, די פרוי פון אַ פּאָליציאַנט וועלכע איז געווען בעשולדיגט, אַז זי האָט מאַסענווייז דורכגעפיהרט נישט-דערלויבטע אַבאָרטען ביי פערשידענע פרויען.

אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק זענען אויך געזעסען איינינע פון דער אַקושערקעס „קליענטקעס".

נאָך די רעדעס פון פּראָקוראָר און פערטיידיגער האָט דאָס געריכט פער-משפּט יאַניקאָווסקאַ'ן אויף אַנדערהאַלבען יאָהר טורמע און צו פערלירען די רעכט.

אויסער דעם, האָט דאָס געריכט פער'משפּט די „קליענטקעס", וועלכע האָבען זיך געלאָזט מאַכען די אַבאָרטען: קאַזשימירע לעוואַנדאָווסקאַ אויף 3 חדשים טורמע; קריסטינאַ פּלאַטשינסקאַ – 4 חדשים; מאַריאַננאַ לעוואַנדאָווסקאַ – 6 חדשים.

מאַרק שוואַרץ

גרייט צו אַן'אויסשטעלונג אין לאָדז.

(–) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, איז קיין לאָדז געקומען דער בעריהמ-טער יודישער מאָלער און סקולפּטאָר, אונזער בן-עיר מאַרק שוואַרק, וועלכער האָט איצט דורכגעמאַכט אַ רייזע איבער אייראָפּאַ.

דעם 10. אַפּריל עפענט מאַרק שוואַרץ זיין אויסשטעלונג אין וואַרשאַ. עס וועלען אויסגעשטעלט ווערען אַ רייהע נייע קונסט-ווערק, צווישען וועלכע ס'געפינען זיך זעלטענע געהעמערטע קופּער-בלע-כען און פיל נייע בילדער.

אין מאַי וועט די אויסשטעלונג גע-עפענט ווערען אין לאָדז. די דאָזיגע אויסשטעלונגען זענען גלייכצייטיג פער-בונדען מיט'ן 15-יעהריגען יובילי פון מאַרק שוואַרק'ס קינסטלערישער טעטיג-קייט, וואָס ס'בעדייט אַ יודישער קיל-טור-יום-טוב.

זייט 1914 וועט דאָס זיין די צווייטע אויסשטעלונג פון מאַרק שוואַרצ'ן אין פּוילען.

אין משך פון דער לעצטער צייט האָט מאַרק שוואַרק אויסגעשטעלט אין פּאַריז אין דער לוקסעמבורג גאַלעריע. די אויס-שטעלונג איז אַ דורך מיט אַ גרויסען ערפאָלג און די פּאַריזער קריטיק האָט בעשריבען בעגייסטערטע אַרטיקלען וועגען אונזער קינסטלער.

לעצטענס האָט מאַרק שוואַרק בעקו-מען אַן'אויפטראַג פון אַ יודישען פּאַרי-זער פערלאַג צו שרייבען אַ מאָנאָגראַפיע וועגען דעם בעריהמטען יודישען יונג-פערשטאָרבענעם קינסטלער מאָדיליאַני. דאָס וועט זיין דאָס ערשטע בוך פון דער סעריע מאָנאָגראַפיעס וועגען יודי-שע קינסטלער.

ס'איז זיכער, אַז פאַר'ן יודישען לאָדז וועט מאַרק שוואַרק'ס אויסשטעלונג זיין אַ דערפרעהענדע ערשיינונג.

פּראָטעסט-אַקציע פון „פּועלי אמוני ישראל" געגען די קהלה.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אָבזאָגען זיך פון דער קהלה שטיצע, האָט פּ. א. י. איינגערגאַנזען אַ שטאַרקע פּראָטעסט-אַקציע געגען דער איצטיגער קהלה מעהר-היים. אַזוי איז דורך איהר געגרינדעט געוואָרען איינינע גרעסערע פּראָטעסט-מיטינגען און נעכטען שבת האָבען אין צעהנדלינגער בתי-תפילות רעפערירט וועגען די קהלה, וואָס די קהלה בעגעהט איבערגעבענדיג דעם גרעסטען טייל שטיצע פאַר אַרבייטער פון אַנדערע אָר-ביימער-פעראיינען.

די פּ. א. י. זאָגט צו אַ גרעסערע פּראָטעסט-אַקציע אויב די קהלה וועט נישט נאָכקומען אַ פּראָפּאָרציאָנעלע פער-טיילונג.

ספּאָרט.

„הכח" – „שילא" 1:2 (1:0)

(אַ) נעכטען איז אויף וואַדני-פּלאַץ פאָרגעקומען דער מעטש פון די אויבענערמאַהנטע צוויי מאַנשאַפטען.

„הכח" איז אַרויסגעטרעטען אָן זאַ-קליקאָווסקי'ן, וועלכער איז געפאָהרען קיין וולאָצלאַוועק און וועט שוין וואַהר-שיינליך נישט מעהר שפּילען אין „הכח".

דער מעטש איז אַבסאָלוט נישט אינ-טערעסאַנט, אין אַנהויב האָט „הכח" אַן'איבערגעוויכט, אָבער סעגאַל, לובאַ כינסקי, האַלבערשטאַט פערפעהלען פיל גינסטיגע מאָמענטען, נישט אויסנוצענ-דיג דאָס, וואָס „שלאָס-טויערמאַן שפּילט זעהר שוואַך. אין דער 30. מינוט שיסט לובאַכינסקי דאָס ערשטע טויער, דאַגע-גען אַ צווייט טויער אין דער ערשטער העלפט, וועלכער דער זעלבער שפּילער, ערצילט אַגערקענט דער ריכטער נישט.

אין דער צווייטער העלפט איז דאָס שפּילען נאָך ווינציגער אינטערעסאַנט. דאַגעגען ווערט עס געפיהרט זעהר ברוטאַל (צוליב'ן ברוטאַלען שפּילען פון „שילאַ'ס-שפּילער האָט אין דער ער-שטער העלפט האַלבערשטאַט געמוזט פערלאָזען דעם פּלאַץ. דאָס צווייטע טויער פאַר „הכח" סעגאַל מיט אַן'עלפ-מעטער-שטויס. „שילאַ" ערצילט דאָס איינציגע טויער דורך גראַס'ן צוליב ליפּסקי'ס אַ פעהלער (ער איז אַרויס פון טויער).

פון „שילאַ" האָט זיך אויסגעצייכענט די פערטיידיגונג, פון „הכח" גראַס, גע-וועזענער שפּילער פון „בר-כוכבא", און אייזענבערג.

היינטיגער פריהמאָרגען-קאָנצערט.

אויפטריט פון דער זינגערין בראָניסלאַוואַ אַלעצקאַ

היינט זונטאָג 12 פאַרמיטאָג קומט פאָר אין „פילהאַרמאָניע" אַן'אינטערע-סאַנטער פריהמאָרגען-קאָנצערט מיט דער מיטווירקונג פון די כאָרען פון דער „אָפּערן- און שאַפען-געזעלשאַפט ביי אונז אין שטאָט. אַלס סאָליסטין טרעט אַרויס צווישען אַנדערע די בעריהמטע לאָד-זער אָפּערן-זינגערין פרוי בראָניסלאַוואַ אַלעצקאַ, וועלכע האָט זיך מיט איהרע ביזאיצטיגע קאָנצערטען ביי אונז אין שטאָט קונה-שם געווען אַלס מאַלאַנטפו-לע געזאַנג-קינסטלערין.

ריאַזאַנצעוו-קאָנצערט אין פילהאַרמאָניע-זאַל.

מאָרגען, מאָנטאָג, 5 אַ זייגער נ. מ. קומט-פאָר אין פילהאַרמאָניע-זאַל דער לעצטער קאָנצערט פון דעם בעריהמטען יודישען זינגער, געוועזענער ערשטער באַריטאָן אין רוסישען „בלויענפויגעל", לעאָ ריאַזאַנצעוו, וועלכער פאָהרט אינ-גיכען שוין אָפּ צוריק קיין אויסלאַנד.

דער קאָנצערט ווערט איינגעאָרדענט דורך געזעלשאַפט „אחוה".

ס'איז זיכער, אַז ריאַזאַנצעוו'ס קאָנ-צערט וועט האָבען דעם פעדריגטען ערפאָלג.

פון „וויקט".

די נעכטיגע צוויי פאָרשטעלונגען פון „וויקט" אין סקאַלאַ זענען פאָרגעקומען מיט גרויס ערפאָלג. דאָס טעאַטער פּובליקום האָט זעהר וואַרים אויפגענומען די געסט און בעשאָנקען זיי מיט רוישיגע אַפּלאָ-דיסמענטען. די אַרטיסטין קאַמינסקאַ האָט בעקומען בלומען.

היינט ווערט געשפּילט „מאָרפיום". מאָרגען אין אָוונט – די ברידער „קאַ-ראַמאַזאָוו".

פון „רעדוטאַ".

אין „רעדוטאַ" געהט איצט אַ גרויס אין דאָפּעלט פּראָגראַם: 2 בילדער אין 17 אַקטען. דאָס ערשטע בילד איז אַן'אַוואַנטוריסטיש - דראַמאַטיש שטיק פון דאָס לעבען פון דער ווינער אונטערוועלט אין די ערשטע יאָה-רען נאָכ'ן קריג. די הויפּט-העלדען פון בילד איז די בעקאַנטע אַרטיסטקע פּריסצילאַ דעאַן.

דאָס צווייטע בילד מיט דער בע-ריהמטער דייטשער אַרטיסטקע אַסי אַסוואַלדאַ שפּרודעלט מיט רייצפולען הומאָר.

פּאַט און פּאַטאַשאַ אין די קינאָ'ס „אָדעאָן" און „אַפּאָלאָ".

אין די קינאָ'ס „אָדעאָן" און „אַפּאָלאָ" ווערט גלייכצייטיג דעמאָנסטרירט. אַ הערליכע קאָמעדיע א. נ. „די מעצווינ-נער פון וועלף" ביי שטורמען פון גע-לעכטער. די הויפּטראָלען פיהרען אויס די ליבלינגען פון דער גאַנצער וועלט פּאַט און פּאַטאַשאַ'ן גופא.

קאָמוניקאַט.

העקסעל-שטוב און קאָנטאָר פון מלוכה-לאָטעריע

סאַמועל ווייַנבערג, פּעטריקאָווער 58

כ'האָב דעם כבוד מיטצוטיילען דער געעהרטער קליענטעלע, אַז צוליב דער בע-גרעניצטער צאָהל לאָסען צו דער 1. קלאַס פון דער 15. מלוכה-לאָטעריע, ווערט געבעטען וואָס פריהער זיך צו בעזאָרגען מיט לאָסען. ציהונג פון דער 1-טער קלאַס דעם 13. און 14. אַפּריל. פּרייז פון אַ גאַנץ לאָז 40 זל., אַ ½ לאָס—20 זל. אַ ¼ לאָס—10 זל. רעכנונג אויף פּ. ק. אָ. נומער 63706.

„Mignon" ,72	פּעטריקאַווער :אַפּטיילונגען
Pius ,79	„ „
Erdman 107	„ „
Guryn ,15	נאַוואָמיעסקאַ „

1826

געוואַלט בערוּבעוּדי „היאַס"-קאַסע אין וואַרשאַ.

תמיד פאַר פּסח הערשט אין דער וואַרשאַווער „היאַס-אָפּטיילונג אויף מו-ראַנאָווסקאַ 34 אַ לעבהאַפטע בעוועגונג צוליב'ן אויסצאָהלען די יום-טוב-שטיצעס, וואָס ווערען געשיקט פון אַמעריקאַ פאַר עלטערען, ברידער, שוועסטער און קרו-בים אין וואַרשאַ און איבער גאַנץ פּוי-לען. רעכענענדיג דערויף, אַז פאַר פּסח מוז אין דער „היאַס"-קאַסע זיך געפינען אַ גרויסע סומע געלד, האָבען קאַסע-ברעכער געפּרובט אויפברעכען די קאַ-סע פון „היאַס". צו דעם צוועק האָבען זיי אין דער נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטאָג דורך נאַכגעמאַכטע שליס-לען געעפענט דעם טויער פון ניזקאַ גאַס און אריין אין הויז, וואָס גרעניצט זיך מיט דעם הויף פון מוראַנאָווסקאַ 34. אויפ'ן הויף האָבען די קאַסע ברעכער פערוואָר-פען אַ דראָמענע לייטער אויפ'ן באַלקאָן פון ערשטען שטאָק, וואו עס געהען אַרויס די פענסטער פון „היאַס"-ביוראָ. אַרויפקימענדיג אויפ'ן באַלקאָן, האָבען זיי אויפגעבראָכען דעם לאַדען, אַרויס-גענומען אַ שויב און נאָכהער געעפענט דאָס גאַנצע באַלקאָן-פענסטער, דורך וועלכען זיי זענען אַריין איגוועניג.

„היאַס" האַלט תמיד איהרע געלדער אין אַ באַנק. זעלטען ווען מען האַלט אַ גרעסערע סומע אין דער קאַסע. ווען אין קאַסע געפינט זיך אַ גרעסערע סו-מע, נעכטיגט ביי איהר תמיד דער די-נער משה ציטרין. אַזוי איז אויך גע-ווען דאָס מאָל. אַרום 2 ביינאַכט האָט ציטרין דערהערט אַ גערויש. ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז עס האָבען זיך אַריינגעקומען קאַסע-ברעכער. נישט קלערענדיג לאַנג, האָט ער אויפגעריסען אַ פענסטער וואָס געהט אַרויס אויף מוראַנאָווסקאַ גאַס, און געמאַכט אַן'אַליאַרם, שרייענדיג בקול רם: „פּאָליציי, פּאָליציי, קאַסע-ברעכער זענען" דאָ. ס'זע-נען אַנגעלאָפען פּאָליציאַנטען און נאַכט-וועכטער. בעת'ן אַלאַרם זענען אָבער די קאַסע ברעכער אַנטלאָפען דורך דעם זעלבען וועג, פון וואַנען זיי זענען אַנ-געקומען אין „היאַס"-ביוראָ. אויפ'ן הויף האָט מען נאָכהער בעת דער אַבלאַווע געפונען אַוועקגעשליידערט מאָדערנע מכשירים צום אויפברעכען קאַסעס. ווי מען גיט איבער, זענען אַזוי אַרום ניצול געוואָרען 24 טויזענד דאָלאַר, וואָס מען האָט מיטוואָך געהאַט אָבגענומען אין אַ באַנק און אָנגעגרייט צום אויסצאָהלען דאָנערשטאָג און פרייטאָג.

קאָמוניקאַטען

פון ווילנער פעראיין פון יודישע ליטעראַטען און זשורנאַליסטען.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פערוואַלטונג איז ענדגילטיג בעשטימט געוואָרען דער טערמין פון דעם לאַנד-צוזאַמענפאָהר פון דער יודישער פּרעסע אין פּוילען אויף דעם 22. און 23. מאַי ה. י., און דעם אָרט פון צוזאַמענ-פאָהר – ווילנאַ.

דערביי איז בענומען געוואָרען אין אַכט די תשובה פון וואַרשאַווער ליטע-ראַטען-פעראיין, אַז ער וועט מיטהעל-פען אין אַלע בעמיהונגען פאַר דעם צוזאַמענפאָהר. ס'איז אויסגעטיילט גע-וואָרען אַן'אָרגאַניזיר-קאָמיטעט אין פאָל-גענדען צוזאַמענשטעל: ש. ל. ציטראָן, מ. שאַליט, ז רייזען, ה. לעווין, א. י. גאָלדשמידט, ד״ר מ. ווינרייך, שרה רייזען, נחמה עפּשטיין, ז. וויניק, א. אַלק, פּ. קאָן, א. צינציגאַטוס, ל. סמאָצקי.

דער אָרגאַניזיר-קאָמיטעט האָט די אויפגאַבע אויסצואַרבייטען דעם פּראָגראַם און טעכניש צוגרייטען דעם צוזאַמענפאָהר.

אָרגאַניזיר-קאָמיטעט פון לאַנד-צוזאַמענפאָהר פון דער יוד. פּרעסע.

* * *

אויף דער ערשטער זיצונג פון אָר-גאַניזיר-קאָמיטעט איז אָנגעמערקט גע-וואָרען דער פּלאַן פון פאָרשטעהענדי-גער אַרבייט ביים אָרגאַניזירען דעם צוזאַמענפאָהר אין ווילנאַ. דער אָרגאַ-ניזיר-קאָמיטעט האָט זיך קאָנסטרואירט אויף פאָלגענדען אופן: פאָרזיצער – ה. לעווין, סעקרעטאַר – א. אַלק.

ס'זענען געשאַפען געוואָרען 3 קאָמי-סיעס: אַ יורידישע, טעכנישע און פּראָג-ראַם-קאָמיסיע.

ס'איז בעשלאָסען געוואָרען זיך צו ווענדען צו אַלע ליטעראַטען- און זשור-נאַליסטען-פעראיינען אין פּוילען מיט דער בקשה צוצושטעלען די נויטיגע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלען וועגען דעם מצב פון די פּרעסע-אָרגאַנען און זייע-ערע מיטאַרבייטער, ווי אויך פון די פעראיינען.

וועגען דעם פּראָגראַם און וועגען די געהעריגע רעפעראַטען, וואָס וועלען בעהאַנדעלט ווערען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר וועט געמאָלדען ווערען בעזונדער.

וועגען אַלע אַנגעלעגענהייטען פון צוזאַמענפאָהר קען מען זיך ווענדען לויט'ן אַדרעס:

Ch. Lewin, Wilno, Zawalna 15/14

פּרעזידיום פון ליט.- און זשורנ.-פעראיין אין ווילנאַ ש. ל. ציטראָן, משה שאַליט, זלמן רייזען.

KROJU nowoczesnego szycia, modelowania, modniarstwa racjonalnym systemem gruntownie wyucza pierwszorzędna szkoła mistrzyni Paryskiej Akademji Wiśniewskiej autorki obeznanego dzieła. Metoda kroju odznaczonej najwyższą nagrodą „Grand Prix" złotemi medalami i dyplomami honorowemi na wystawach w Paryżu, Rostowie, Rzymie, Marsylji. Kończącym patenty cechowe. Kurs wieczorowy. Opłata zniżona. Formy bibułkowe w cenach reklamowych. Program bezpłatnie. Piotrkowska 86. 1932

1935 יונגלעך ווערן געברויכט צו פערנען דאָס כאָווזען בעזענין האָבען אַרבייט ...

קראַפּט- שפּולערינס ווערען זאָפאָרט געזוכט דער ...גאַרן ... „רענאָמאַ" קאָנסטאַנטינער 42.

Dr. med, **A. Uryson** choroby wewnętrzne **powrócił** i mieszka obecnie Konstantynowska 20 telefon 55-85. 1934

הויפּט- סקלאַד פון דיוואַנעס,

באַרניקעס, פּלוש-און טול-דעקן, פּאַרטיערען, גאַרדינען, שטאָפּן, די לעצטע נייהייטן אויך אויף מעבעל-איבערציִען

לינאָלעאַום, צעראַטען און ראָלעטען

מעבעל-פאַבריקאַנטען

הורט-און דעטאַיל-פערקויף

28 F. FUTERMAN, ŁÓDŹ 28

פּיעטריקאָווער 28, טעל. 21-29

8-ווג. מיטגלידער פון סוחרים-פעראיין, פּאַלודניאָווא 15

היינט, זונטאָג, 6 אַ זייגער נ"מ קומט פאָר די

אַלגעמיינע פערזאַמלונג

מיט וויכטיגען ... 1939

נאָר ביים פאַבריקאַנט „EROS"

פּערפומס, זייף און קעלניש-וואַסער

בלייבט מען צופרידען.

הענדלער-אָפּטייל „JUNO"

פּעטריקאָווער 44

טעלעפאָן 43-43.

1452

EROS

צום בעפארשטעהענדען פסח

עמפפעהלען מיר:
א רייך-פערזאָרגטען לאגער פון

ווייגעז, קאניאקעז, ליקיערעז און האניג

אינ- און אויסלענדישע
קאָנסערוועז,
דעליקאַטעסען,
הערבאַטניקעס.
צוקערוואַרג, שאָקאָלאַד,
באָקאַליעס א. אז. וו.

ווייגע, „כרמל" קאָניאַקען

צו פאַבריקס-פרייזען.

האניג אלט-פוילישע פון 3 זל. א פלאש.

א גרויסער אויסוואַהל פון געשמאַקפול-דעקאָרירטע

געשאַנק-קערבע פון 20 זל.

M. BERMAN

גרעסטער און עלטסטער יודישער
ווייןהאנדעל און דעליקאַטעסן-געשעפט

פעטריקאווער 53.

בעמערקונג: מיר בעטען אָנצוקוקען אונזערע שויפענסטער און זיך צו איבערצייגען, אז די פרייזען אין אונזער געשעפט, וואָס ווערט געפיהרט לויט'ן אייראָפּעאישען מוסטער, זענען צוגענגליכער, ווי אין די צווייטראנגיגע געוועלבער. 1930

אויף יום-טוב
מענער-קאפעלושען

פון — .8 זל. אן.

גומי-מאנטלען — .24 „ „

מאָדערנע **איבער-העמדער** — .12 „ „

קראַוואַטען, שירעמ'ס, שפאַציר-שטעקענס, זאָקען, שטרימפּף, טאַשענטיכער, לאַקען, האַנדטיכער, טיש-דעקען און פערשידענע וויים-וואַרען אין א גרויסען אויסוואַהל אמביליגסטען ביי

ה. שיינפינקעל, פעטריקאווער 44

ד״ר י. אינפעלד

וואוינט איצט אויף

42 ווסכאָדניא 42.

פראָנט, 2. שטאָק. שפּרעכשטונדען פון 5—8 טעגליך.

„רעטשניצע" פון דאָקטוירים ספעציאליסטען

און ערצטליך-רענטגענישער קאַבינעט
זגיערסקא 17, טעל. 16-33.

ד״ר ראַקאָווסקי	נאָז, האַלז, אויערן קר.	11-10 3-2 $7^1/_2$—$6^1/_2$
ד״ר רושאנער	הויט- און געשלעכטס-קר.	11—10 2—1
ד״ר גאָלדשטיין-פּאָלאַק	אויגען-קראַנקהייטען	2-1 8-7
ד״ר יוכטמאַן	נערווען-קראַנקהייטען	2—12
ד״ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	12-10 5-4
ד״ר פּאַפּיערני	פרויען- און געבורטס-הילף	$1-11^1/_2$ 6-5
ד״ר קאַנטאָר	כירורגישע-קראַנקהייטען	4-3 2-1.1
ד״ר וויינבערג	אינערליכע הערץ לונגען-קר.	1-11 $7-5^1/_2$
ד״ר סטופּעל	רענטגען	6-4 12-10
א. גראָדזענטשיק	צאָהן-ארצט	7—3
נ. ראָזעס	צאָהן-ארצט	2—9

צאָהן-טעכניק, בעליכטונגען, קוואַרצען, מאַסאַזשן, א אז. וו.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען

רענטגען-אינסטיטוט

היילונג פון הויט-קראַנקהייטען פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגענשטראַהלען, פאר בעשטראַהלונג און דורכלייכטונגען, קוואַרץ-לאַמפּ, דיאַטערמיע, לעקטריזאַציע, אלע מעגליכע אנאליזען. א קורס פאר שוועסטער.
אָנמעלדונגען נעמט מען אן (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכמ.

די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאג.

חיוזים אין דער שטאָט.

דער ראַט פון דער לאָדזער

דעפּאָזיטען-באַנק

אקציע-געזעלשאַפט

טיילט מיט די ה״ה אַקציאָנערען, אז דעם 26-טען אַפּריל 1927, 6 א זייגער נאָכמיטאָג וועט אין לאָקאַל פון באַנק, אין לאָדז, פעטריקאווער 5, פאָרקומען

די 5-טע געוועהנליכע
אלגעמיינע פערזאַמלונג
פון די אקציאָנערען

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג:

1) בעשטעטיגען דעם בילאַנס, די רעכנונג פון ריוח און פערלוסטען פאַר'ן יאָהר 1926 און די פּראָטאָקאָלען פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע. 2) בעשטעטיגען די פערטיילונג פון די ריוח. 3) בעשטעטיגען דעם בעשלוס פון די אויסגאַבען אויף 1927 י. 4) פערגרעסערן דעם גרונד-קאַפּיטאַל ביז 2,500,000 זל. 5) וואַהלען פון א רעוויזיאָנס-קאָמיסיע. 6) פרייע פאָרשלאָגען.

לויט'ן § 19 פון די באַנק-סטאַטוט דאַרפען די אַקציאָנערען, וואָס ווילען אָנטיילנעהמען אין דער אלגעמיינער פערזאַמלונג, שפּעטסטענס ביז צום 19-טען אַפּריל 1927 פאָרלעגען זייערע אַקציעס, אָדער די צייטווייליגע בעשייניגונגען, אָדער די דעפּאָזיט- אָדער משכנות-קוויטען פון די קרעדיט-אינסטיטוציעס אין דער צענטראַלע אין לאָדז, אָדער אין די פיליאַלען אין וואַרשא און לעמבערג. 1923

פולמאַכטען אויף צו שטימען דאַרפען פאָרגעלעגט ווערען דער באַנק-מאַכט שפּעטסטענס ביז'ן 22-טען אַפּריל 1927 (§ 18 פון סטאַטוט)

וויכטיג פאַר הויז-בעזיצער!

מיר פאָדערן אויף די הויז-בעזיצער, מיטגלידער פון דער קרעדיט-געזעלשאַפט אין לאָדז, אז זיי אַלען אָנטיילנעהמען די איינ- **אלגעמיינע פערזאַמלונג** פון דער קרעדיט-קאַרטען אויף די קרעדיט-געזעלשאַפט אין לאָדז, וועלכע דאַרף פאָרקומען דאָנערשטאָג, דעם 7. אַפּריל ד. י. 4 א זייגער נאָכמ. פון דער דעצוזיע פון דער אלגעמיינער פערזאַמלונג איז אָבהענגיג דער בעשלוס פון זעהר וויכטיגע פאָרשלאָגען צווישען אנדערע: 1) מעגליכקייט פון אננעהמען פון נייע הלואות, 2) אנגלירען א טייל שטראָפען פאר נישט געצאָהלטע ראַטעס. פערשפּעטיגט נישט מיט'ן אָבנעהמען די איינטריטס-קאַרטען, לעגט נישט אָפּ אויף דער לעצטער מינוט, ווייל דער טערמין אויף אָפּצונעהמען די קאַרטען לויפט אָב דעם 6-טען אַפּריל, 2 א זייגער נאָכמיטאָג. 1924

די פערוואַלטונג פון צענטראַלען הויז-בעזיצער-פעראיין אין לאָדז און פון לאָדז. וואָיעוואָדזטווע, פעטריקויער 46.

ווינער גומי-מענטעל

אין א גרויסען אויסוואַהל פערקויפט
הורט צו קאָנקורענץ-פרייזען דעטייל

Biuro Techn.-Handlowe „ENERGJA"

1911 Łódź, Piotrkowska 56. Telefon 14-33.

ווילסט קויפען
מעבעל

עלעגאַנט, דויערהאַפט אויף די בעקוועמסטע בעדינגונגען?!
געה צו דער פירמע

Markowicz i Nasielski Piotrkowska 6.

בעפאר

איהר נעהמט קויפען, איבערצייגט אייך, אז גאר ביי אונז קענט איהר בעקומען צו די ביליגסטע קאָנקורענץ-פרייזען!

א בעט מיט ווענטלעך, ווייס אָדער ברוין געמאָהלט 15 זל. א פעלד-בעט—14 זל. ספּאָרט-וואָגען—58 זל., ווי אויך די איבעראל-בעוואוסטע פּאַטענטירטע

פעלד-בעטען Palma-Patent.

פּראָדוצירט פון מיר גאַראַנטירען

אויף לאגער געפינט זיך שטענדיג א גרויסער אויסוואַהל ניקעל-בעטען, קינדער-בעטען, אַמעריקאַנקעס, קינדער-וועגעלעך, שטוקאַטור און געבעטע מאַטראַצען. ביליגסטע פרייזען! רעעלע בעהאַנדלונג

לאדז, פּולנאָצנא 24, טעל. 31-85.

זעטלעכע רעפּאַראַטורען ווערען אָנגענומען.

---

3 גרויסע צימער

מיט קיך מיט אלע בעקוועמליכקייטען ווערט געזוכט.

נעפל. אָנמעלדונגען פּאָמאָרסקא 18, טעל. 56-89
פערמיטלער געוואונשען פיננאַלד. 665

אַפּעלושע קאַפּען

נאָר צו ביליגע פרייזען קען מען בעקומען נאָר קאָמיענגא 2 פראָנט 3. שטאָק ביי ה. אפעל. 1692
ס'ווערען אויך פּאַסאָנירט מענער-היטען צו ביליגע פרייזען.

Mydło Kollontay
z pralką

1845 גענעראַל-פערטרעטער אויף לאָדז:
S. B. Redlic, Łódź, Pomorska 19.

ס'איז דא
מעבעל

דויערהאַפטיגע און גישט-דויערהאַפטיגע און האָבען איין און דאָס זעלבע אויסזעהן

אונזער מעבעל

פערמאָגט אלע מעלות:
זיי זענען דויערהאַפט, מאָדערן, פון ערשטקלאַסיגער אויספערטיגונג און גאַראַנטירטע ארבייט.

S. SALOMONOWICZ
ul. NARUTOWICZA 13,
Telefon 37-60.

קאָנקורענץ פרייזען.
לאנגטערמינע אויסצאָהלונגען.

אין קוילען און פערקויף
מעבעל

דיוואַנען, פעלצען, ניי מאַשינען, גאַרדעראָבען, סאָמאָוואַרען א. ז. וו. און צאָהלט די העכסטע פרייזען

א. ווייצמאַן נארוטאָוויטש 19
(דריטעלנס)

אין מעבעל-געוועלב, (פרייוואַט-וואוינונג שענקעוויטשא 29)
ביי מיר איז שטענדיג דאָ פערש. גענוצטע מעבעל
אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען 1382

„רעטשניצע" פון דאָקטוירים ספעציאליסטען
בושעזשינער 11, טעל. 37-63
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוונד

ד״ר וואָליגסקי	נאָז, האַלז, אויערן-קר.	4—3
ד״ר הערשנער	קינדער-קראַנקהייטען	$12-9^1/_2$ 5—4
ד״ר שיפמאַן	אינערליכע קראַנקה.	1—11 6—5
ד״ר לוביטש	הויט-און געשלעכטס קר.	2—12
ד״ר שמירנעלד	נערווען און גייסטיגע קר.	3—1
ד״ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהייטען	2—12.30
ד״ר עליאַסבערג	כירורגישע קראַנקה.	— 1
ד״ר בערנשטיין	פרויען און געבורטס-הילף	4—3

צאָהן-טעכניק, שפּריץ-אינטערגאַנגען, וואַסער-אַנאַליזעס א. ז. וו. פּלאָמבירונג-אַרבייט, קאָנסולטאַציעס, בעהאַנדלונג אָפּערירען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַציעס. אויף פערלאַנג — וויזיטען אין שטאָט. — אין לאַבאָראַטאָריום ווערען אויסגעפיהרט אלע ארטען אַנאַליזען, פון אורין, פלעגמע און בלוט. 2120

איינגעפיהרט נייגע שקאַרלאַטין.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען א רענטגענאָלאָגישער קאַבינעט מיט נייעסטע אַפּאַראַטען:

ד״ר זילבערשטיין	צאָהן-ארצט	2—10 נ. מ.
ד״ר לאָזשינסקא סמאַראָפּאַלסקא	צאָהן-ארצט	7—3

קינסטליכע ציינער, קראָנען, פּלאָמבען א. ז. וו.
די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאָג.

אַבאָנעמענטס-פרייז: אין לאָדז: א חודש — 5 זלאָטעס, — אויף דער פּראָווינץ: א חודש — 6 זלאָטעס, אין אויסלאַנד מיט 50 פּראָצענט טייערער. — פאַר'ן איינהאַלטען אין טערמין פון די אַבאָנענטען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען פון 9 ביז 5.

אַנאָנסען - פרייז: פאַר'ן מעקסט 15 גראָשען, פערמעגע 20 גראָשען, אין מעקסט 48 גר., פערמאַכ 60 גראָשען, נאָכ'ן מעקסט 10 גראָשען, פערמאַנ 15 גראָשען. — פאַר אויסלענדישע אַנאָנסען 100 פּראָצענט טייערער. אויסער דער שטאָט — 50 פּראָצענט טייערער.
פאַר א מיליטער - שורה.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg.
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat". Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman